בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

בסעודת

## ערב יום כיפור תשכ"ח

**וְעַל זֹאת אֲנִי בּוֹטֵחַ בְּאׇמְרִים ה' אֶחָד**

• ענין תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה שהם צוֹם קוֹל מָמוֹן, להעביר רוֹעַ הגזירה - כל זה מועיל רק כשמקושר עם מחשבה שבלב • נודע ביהודה: תעניתים וסיגופים אינם מעיקרי התשובה, רק חרטה, קבלה על להבא, וידוי דברים מעומק הלב, והתלהבות לאהוב את הבורא • טעם שאומרים שְׁמַע יִשְׂרָאֵל בשעת קריאת שמע, כדי להתקשר עם יחוד ה' של יעקב אבינו יִשְׂרָאֵל סָבָא • טעם על שאומרים בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד בקריאת שמע, וביום הכיפורים בקול רם • תשובת רַבִּי סַעֲדְיָה גָּאוֹן בכל יום, על עבודת הקודמת, וטעמו בזה • כשעושה במצוה צריך לְהִתְקַשֵּׁר עם כל ישראל • כשאין מְשַׁנִּים מדרכי אבות הק' וצדיקים, מצטרפת עבודתנו עמהם לעלות לרצון להקב"ה •

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ב לפ"ק

ערב יום כיפור תשכ"ח - רח

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**
**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** Copyright ©
הקונטרסים שיצאו בשנים שעברו אין רשות להעתיקם ולהפיצם וּשְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל לֹא יַעֲשׂוּ עַוְלָה, וכבר נאמר וְאַל תַּשְׁכֵּן בְּאֹהָלֶיךָ עַוְלָה (איוב יא, יד).
צו מנדב זיין לרגל אַ **שמחה** אַ **יאָרצייט** רופט: 1-718-388-5519



**לשון קדשו**
**צענטראלע נומער:**
**929-522-1515**
פּעקס: **718-650-2970**

ארץ ישראל: **072-3275205**
קאנאדא: **438-797-0770**
ענגלאנד: **0330-350-3110**

צו הערן די **רעקאָרדינג:**
דרוק **1**. - פאר קונטרס
**205**
פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→6→328.1**

**מען קען שוין מנדב זיין דורך דאָנערי'ס טעלעפאָן סיסטעם: 845-366-2793 #1700**

# • ברכת מזל טוב •

**הר״ר יעקב יושע זאבעל הי״ו**
בעל בית דפוס PrintOutLocal
אשר עומד במסירות ובנאמנות בהדפסת הקונטרסים ברוב פאר והדר
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
יזכה לגדלה ולחנכה לתורה לחופה ולמעש״ט לגמח״ט ולכט״ס

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרה״ח המפורסם
רבי **יחזקאל שרגא** ז״ל ב״ר **יצחק אייזיק** ז״ל
וזוגתו האשה החשובה מרת **שרה** ב״ר **עוזיאל** ע״ה
**לעפקאוויטש**

הרה״ח מדקדק במצות, ואהוב על הבריות, תלמיד רביה״ק זי״ע, למד בספריו בקביעות וסייע להדפסתם, היה מבאי ביתו, ורבינו כינהו בשם 'עוֹזֵר דַּלִּים על עסקו בצדקה וחסד
רבי **עוזר** ב״ר **זרח** ז״ל **גליק**
נפטר ח׳ תשרי (שבת שובה) תשס״ד לפ״ק

הרה״ח הישיש, ירא ושלם, מיעט בדבריו והיה זהיר במורא מקדש, בעל מדות ישרות וקבע עתותיו לתורה, הסתופף בצל רביה״ק זי״ע והתנהג כדבריו
מוה״ר **חיים** ע״ה **ראטה**
ב״ר **מתתי׳ הכהן** ז״ל
נפטר ט׳ תשרי (ערב יו״כ) תשס״ט לפ״ק

לע״נ האשה החשובה בעלת צדקה וחסד עסקה רבות בשנים לטובת הבאַזאַר לרבות ההכנסות למוסדות רבינו זי״ע
מרת **מליא צירל** ע״ה ב״ר **יהושע** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **ישראל דוב מענדלאוויטש** שו״ב ז״ל
נפטרה ו׳ תשרי תשס״ז לפ״ק

האשה החשובה והצנועה, כל מגמתה היתה לעשות צדקה וחסד ולחזק לבבות נשברות
מרת **מרים לאה צפורה** ע״ה
ב״ר **שמואל** ז״ל **קאהן**
נפטרה ג׳ תשרי תשע״ג לפ״ק

האשה החשובה והצנועה, עסקה בגמילות חסדים, וזכתה להחיות שבורי לב
מרת **רחל** ע״ה ב״ר **משה שווארץ** ז״ל שו״ב
אשת הרה״ח ר׳ **בנימין זאב גאנדעל** נ״ו
נפטרה כ״ד אלול תשפ״א לפ״ק

**תנצב״ה**

KolSatmar.com

## א

# קושיות ודקדוקים בפזמון יִרְצֶה צוֹם עַמְּךָ

**[בַּמֶּה אֲקַדֵּם וְאַכַּף פְּנֵי לֹא יִקַּח שׁוֹחַד][א], וּבְיָדִי אֵין מַעַשׂ וְעַל זֹאת לִבִּי יִפְחַד, אֲבָל עַתָּה בְּזָכְרִי מַלְכוּת שֵׁם הַמְיוּחָד, וְעַל זֹאת אֲנִי בּוֹטֵחַ בְּאָמְרִים ה׳ אֶחָד, וּמוֹשְׁכִים כֻּלָּם יַחַד מִזֶּה אֶחָד וּמִזֶּה, מָחָר יִהְיֶה הָאוֹת הַזֶּה.**

## ב

### קושיא א

אם אין בידי מַעַשׂ, ואין לנו במה ליתן שוחד, אם כן למאי נפקא מינה הקדים לומר שהקב״ה לא יקח שוחד

**א) דעם גאַנצן ענין ברויך מען פאַרשטיין,** [שמתחיל] **פְּנֵי לֹא יִקַּח שׁוֹחַד, און ער זאָגט תיכף וּבְיָדִי אֵין מַעַשׂ, לכאורה וואָס איז** [דען] **דער שׁוֹחַד,** [נאָר אַז] **מ׳נעמט נישט צי**[ב] **פון אים די מִצְוֹת** [נגד עבירות. ואם כן אם בלאו הכי אין בידו מַעַשׂ, ואין לו מה ליתן, מה נפקא מינה במה שהקב״ה לא יקבל שוחד של מִצְוֹת]. (המשך וסיום הקושיא, להלן באות ה)

## ג

### קושיא ב

ברש״י מפרש על הפסוק וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד, לפייסו בממון. ופירשו דהיינו מצות שיש בהם הוצאות ממון

[דהנה בפסוק] **אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָנִים וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד** (עקב י, יז)**, זאָגט רש״י,** [וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד] **לפייסו בממון.**

**פרעגט מען די קשיא**[ג]**, ס׳איז אינגאַנצן נישט קיין מְצִיאוּת** [ליתן ממון כלפי מעלה, ואם כן] **וואָס הייסט לפייסו בממון, וואָס זאָגט ער דאָ.**

**זאָגט מען דעם פְּשַׁט**[ד]**, דאָס מיינט מִצְוֹת, מִצְוֹת אַזעלכע וואָס זיי קאָסטן געלט.**

---

[א] כאן מתחיל הריקאָרדינג.

[ב] פירוש, שאין מקבלין.

[ג] בפירוש **המזרחי** על רש״י שם: אבל מה שפירש **וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד לפייסו בממון**, לא ידעתי מה מָמוֹן נופל אצל הקב״ה, ולמה לא פירש וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד המצוה במקום העבירה, שֶׁיִּוָּתֵר לו עונש העבירה שעבר, בעבור המצוה שעשה, אלא יתן לו שכרו בעבור המצוה שעשה, ועַנשו בעבור העבירה שעבר. וצריך עיון. [ועיין עוד בלשון הרמב״ם המובא להלן בהערה ד].

[ד] עיין בפירוש **דברי דוד** (להטורי זהב) על רש״י שם: **וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד, לפייסו בממון.** רבים מקשים מה ממון שייך לגבי השי״ת, הלא הָאָרֶץ וּמְלוֹאוֹ שלו היא. ויש מתרצים דקאי על ממון של מצוה שיוציא אדם לעשות מצוה, אחר שחטא. או שֶׁבְּחֵטְא עצמו שעשה כגון גניבה או גזילה, יִרְצֶה לעשות צדקה מן אותה העבירה, זה אין השי״ת מקבל כלל להיות לו כפרה עבור זה, אלא אין מצוה מכבה עבירה, אלא הקב״ה גובה כל אחד בפני עצמו, מצוה בפני עצמה עבירה בפני עצמה. וזהו עיקר:

וכן מובא **ברמב״ן** (עקב שם) וז״ל: ופירשו ׳בשוחד׳, שאפילו חסיד גמור שיעבור עבירה לא יקח ממנו מצוה ממצותיו בשוחד לכפר לו, אבל יענישהו על חטאיו ויגמול לו ככל טובותיו.

וכן מבואר בדברי **הרמב״ם בפירוש המשניות** (אבות ד, כב): אמר [במשנה, בָּרוּךְ הוּא שֶׁאֵין לְפָנָיו לֹא עַוְלָה וְלֹא שִׁכְחָה וְלֹא מַשּׂוֹא] **פָּנִים וְלֹא מִקַּח שׁוֹחַד.** הוא כמו שאמר גם כן בתורה **אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָנִים וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד.** ואין עִנְיָנוֹ שלא יקח שוחד להטות הדין, כי זה מן השטות שירוחק מן השי״ת מה שלא יצוייר ואף לא ידומה, כי איך יצוייר לו שוחד, ומה יהיה השוחד. אבל ענינו מה שביארנו, שהוא **לֹא יִקַּח שֹׁחַד הטובות**, כמו שיעשה אדם אלף טובות ורעה אחת, שלא ימחול השי״ת מעבירה ההוא לרוב טובותיו ויחסר לו מאלף טובותיו טובה אחת או יותר, אבל יענש על זאת הרעה האחת, ויגמלהו על הטובות ההם כולם, וזהו ענין **לֹא יִקַּח שׁוֹחַד**. והוא כמו **לֹא יִשָּׂא פָּנִים**, שיענש הגדול במעלות על דבר מועט, כמו שיענש משה רבינו ע״ה על חטא הכעס כמו שביארנו בפרקים הקודמים, וגמול עֵשָׂו הָרָשָׁע על כבוד אב ואם, וּנְבוּכַדְנֶצַּר על כבוד השי״ת כמו שהתבאר בסנהדרין (צו.), וזהו ענין **וְלֹא מַשּׂוֹא פָּנִים** (במשנה דאבות שם). [וכן פירשו הרבינו יונה והמאירי, והרע״ב והתוספות יו״ט, באבות שם. וע״ע מה שהאריך בזה במדרש שמואל שם, ובדרך חיים למהר״ל שם].

KolSatmar.com

### ד
אבל עדיין צ"ב למה כתב לפייסו "בממון", אם הכוונה על "מצות"

**ב) נו אַלץ איז נאָך שווער**[ה] **וואָס דאַרף עפּעס רש"י ציזאָגן** [להוסיף תיבת בממון], **וואָס איז אַ נפקא מינה** [מה שיש מִצְוֹת שיש בהם הוצאת ממון, והיה לו לומר סְתָם לפייסו] **מיט מִצְוֹת,** [אַז] **מ'קאָן נישט מְפַייס זיין** [בְּמִצְוֹת, כי] **הקדוש ברוך הוא איז נישט מְקַבֵּל אַ מִצְוָה אויף עֲבֵירָה,** [נאָר] **מ'באַקומט שְׂכַר פאַר די מִצְוָה, און חלילה** [עקסטער אַן עונש] **פאַר די עֲבֵירָה**[ו]**. אָבער ס'איז נישט קיין נפקא מינה די געלט,** [ואם כן עדיין צ"ב] **וואָס איז דער לפייסו בממון.**

### ה
**המשך וסיום קושיא א**

**על כל פנים דער פְּשַט** [פון] **לֹא יִקַּח שֹׁחַד מיינט מען דאָך מִצְוֹת, עפּעס אַנדערש איז דאָך נישט פאַרהאַנדן ביים בורא כל עולמים** [שיהיה שייך לומר] **מ'זאָל קאָנען געבן שׂוֹחַד פאַרן בורא כל עולמים. און אפילו אויף מִצְוֹת זאָגט מען** [אַז] **ער נעמט נישט.**

**נו** [אם כן יוקשה בכאן]**, דערנאָכדעם זאָגט מען וּבְיָדֵי אֵין מַעַשׂ, נו האָט מען דאָך נישט מיט 'וואָס'** [לפייס]**, האָט מען דאָך נישט** [אפילו] **'געגעבן',** [ואם כן] **וואָס איז אַ נפקא מינה צי מ'נעמט יאָ צי מ'נעמט נישט, אַז מ'האָט נישט** [וואָס צו 'געבן']**, מ'האָט נישט געגעבן קיין שוחד, אַז ס'איז אֵין מַעַשׂ.**

### ו
**קושיא ג**

להבין כוונת אומרו "וְעַל זֹאת" לִבִּי יִפְחַד, דלכאורה הוא מיותר

**ג) דערנאָך וואָס איז דער "וְעַל זֹאת" לִבִּי יִפְחַד,** [דאם קאי אדלעיל, היה סגי לומר] **בַּמֶּה אֲקַדֵּם וְאִכַּף פְּנֵי לֹא יִקַּח שׂוֹחַד, וּבְיָדִי אֵין מַעַשׂ "וְלִבִּי יִפְחַד". נו אַוודאי "דעס", מ'שמועסט דאָך פון דעם וואָס מ'שמועסט, וואָס זאָגט ער עפּעס וְעַל "זֹאת".**

### ז
**קושיא ד**

במה שקטה הפחד במה שמסיים אֲבָל עַתָּה בְּזָכְרִי וגו' בְּאָמְרִים ה' אֶחָד

**ד) אֲבָל עַתָּה בְּזָכְרִי מַלְכוּת שֵׁם הַמְּיוּחָד. וואָס איז שוין מיט דעם פאַרענטפערט** [מה שדואג ומפחד, בַּמֶּה אֲקַדֵּם וְאִכַּף פְּנֵי לֹא יִקַּח שׂוֹחַד, במה שמסיים אֲבָל עַתָּה בְּזָכְרִי מַלְכוּת שֵׁם הַמְּיוּחָד וְעַל זֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ]**, מיט דעם בְּאָמְרִים ה' אֶחָד.** [והלא הקדים לומר] **מ'נעמט דאָך נישט מִצְוֹת** [נגד עבירות].

---

[ה] כקושיית המזרחי הנזכר, וכדברי הקדמונים לעיל בהערה ד.

[ו] ועיין **בתומר דבורה** (להרמ"ק, בביאור מדת יכבוש עונותינו), וז"ל: הרי הקב"ה מתנהג עם ישראל במדה זו, והיא סוד כְּבִישַׁת הֶעָוֹן. כי הנה המצות הִיא כְּפֹרַחַת עָלְתָה נִצָּהּ, ובוקע ועולה עד אין תכלית, לכנוס לפניו יתברך. אמנם העונות אין להם כניסה שם ח"ו, אלא כובשם שלא יכנסו וכו' א"כ אין העון נכנס פנימה וכו'. ומטעם זה לא יקח שוחד של מצות, המשל בזה אין הקב"ה אומר עָשָׂה ארבעים מִצְוֹת ועשר עֲבֵרוֹת נשארו ל' מצות וילכו עשרה בעשרה ח"ו, אלא אפילו צדיק גמור ועשה עבירה אחת דומה לפניו כאילו שרף את התורה (קידושין לט:), עד שֶׁיְּרַצֶּה חובו, ואח"כ יקבל שכר כל מצותיו. וזה חסד גדול שעושה הקב"ה עם הצדיקים, שאינו מְנַכֶּה, מפני שהמצות חשובות מאוד ומתעלות עד לפניו יתברך, והאיך יְנַכֶּה מהן בשביל העבירות, כי שכר העבירה הוא מחלק הגיהנם, מהנבזה, והמצות שכרן מהנכבד, זיו שכינה, האיך ינכה אלו בצד אלו, אלא הקב"ה גובה חוב העבירות ומשכיר שכר כל המצות. והיינו יִכְבּוֹשׁ עֲוֹנֹתֵינוּ, שאין הָעֲוֹנוֹת מתגברים לפניו כמצות, אלא כובש אותם שלא יתעלו ולא יכנסו, עם היות שהוא משגיח על דרכי איש הטוב והרע, עם כל זאת הטוב אינו כובשו אלא פורח ועולה עד למאוד, ונכלל מצוה במצוה ונבנה ממנו בנין ולבוש נכבד, ועונות אין להם סגולה זו, אלא כובש אותם שלא יצליחו הצלחה זו, ולא יכנס פנימה.

### ח
### קושיא ה

להבין הכוונה באומרו וּמוֹשְׁכִים כּוּלָּם יַחַד מִזֶּה אֶחָד וּמִזֶּה

ה) וואָס איז דער **וּמוֹשְׁכִים כֻּלָּם יַחַד מִזֶּה אֶחָד וּמִזֶּה**, מ'ציהט פון דאַנעט און פון דאַנעט.

### ט
# הקדמה לישוב הקושיות

לפי האמור כוונת הפסוק וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד, היינו שאינו מקבל מצוה לחפות על עבירה

קען זיין. [דהנה] לעולם, דאָ איז דאָ אַ כְּלַל **אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָּנִים וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד**, [ופירשו בו כי] מ'נעמט נישט קיין מִצְוֹת פאַר עֲבֵירוֹת.

### י
### קושיא ו

וקשה דהלא מבואר במדרש עה"פ בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן, דאם עשה חבילות של עבירות יעשה כנגדן חבילות של מצות. ואם כן משמע דשפיר מהני מצות במקום עבירות

[אמנם גם על פירוש זה קשה שהרי] לכאורה ס'שטייט דאָך [יאָ] אַזוי, [שהרי] דער מדרש זאָגט (ויקרא רבה כא, ה) [על הפסוק] (אחרי טז, ב-ג) **וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ וגו', 'בְּזֹאת' יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ**, זה שאמר הכתוב (משלי כד, ו) **כִּי 'בְתַחְבֻּלוֹת' תַּעֲשֶׂה לְּךָ מִלְחָמָה**, אם עָשִׂיתָ 'חֲבִילוֹת' עֲבֵירוֹת, עֲשֵׂה 'חֲבִילוֹת' מִצְוֹת כנגדן.

נו זאָגט ער דאָך יאָ אַן עֵצָה, אַז דו האָסט געטון חלילה עפּעס אַ עֲבֵירָה, זאָלסטו דערקעגן טון חֲבִילוֹת מִצְוֹת, נו נעמט מען דאָך יאָ, נעמט מען דאָך צי, נוצט דאָך יאָ, אַז מ'טוט אַקעגן די עֲבֵירוֹת אַז מ'טוט מִצְוֹת נוצט דאָך יאָ.

וואָס דען זאָגט ער אַ כלל **לֹא יִקַּח שֹׁחַד**.

### יא
### התחלת ישוב קושיא ו

האדם נידון אחר רובו, ואם מרבה חבילות מצות, יועיל להכריע את הכף לרוב זכיות, ע"י שיתרבו המצות על העבירות

קען זיין אפשר [לקיים] די בײדע [ענינים], וויאַזוי ס'איז מַצִּיל [די מצות ביום הדין, להעביר את רוע הגזירה].

ווייל לעולם שטייט דאָך אַזוי, די גמרא זאָגט דאָך[ז] [אַז] **בֵּינוֹנִים** מיינט **מֶחֱצָה זָכִיוֹת וּמֶחֱצָה עֲבֵירוֹת** [והם תלויים ועומדים עד יום הכיפורים], **צַדִּיקִים** [וּרְשָׁעִים] הייסט [אַז]

---

[ז] **בגמרא ראש השנה** (טז:): שלשה ספרים נפתחין בראש השנה, **אחד של רשעים גמורין** [פירש"י: רובם עונות], **ואחד של צדיקים גמורין, ואחד של בינוניים** [פירש"י: מחצה על מחצה], צדיקים גמורין נכתבין ונחתמין לאלתר לחיים וכו', בינוניים תלויין ועומדין מראש השנה ועד יום הכפורים, זכו נכתבין לחיים וכו':

ועוד שם (יז.): כי לית להו תקנה [לפושעי ישראל בגופן], ברוב עונות, **הכא מחצה עונות ומחצה זכיות**:

ובגמרא קידושין (מ:): תנו רבנן לעולם יראה אדם עצמו כאילו חֶצְיוֹ חייב וְחֶצְיוֹ זכאי, עָשָׂה מצוה אחת, אַשְׁרָיו שהכריע עצמו **לכף** זכות, עָבַר עבירה אחת, אוי לו שהכריע את עצמו לכף חובה, שנאמר (קהלת ט, יח) וְחוֹטֶא אֶחָד יְאַבֵּד טוֹבָה הַרְבֵּה, בשביל חטא יחידי שֶׁחָטָא, אובד ממנו טובות הרבה. רבי אלעזר ברבי שמעון אומר, **לפי שהעולם נידון אחר רובו והיחיד נידון אחר רובו** [פירש"י: לכן יראה אדם עצמו כאילו כל העולם שקול כמחצה צדיקים וחסידים ומחצה רשעים, וכאילו מעשיו שקולים כמחצה על מחצה] **עָשָׂה מִצְוָה אחת** [נמצאו זכיותיו מכריעין, ונמצא צדיק, ועל ידו כל העולם הוכרע להיות רובן צדיקים] **אַשְׁרָיו שהכריע את עצמו ואת כל העולם לכף זכות**, עָבַר עבירה אחת אוי לו שהכריע את עצמו ואת כל העולם לכף חובה, שנאמר וְחוֹטֶא אֶחָד כו', בשביל חטא יחידי שעשה זה אָבַד ממנו ומכל העולם טובה הרבה. רבי שמעון בן יוחי אומר, אפילו צדיק גמור כל ימיו ומרד באחרונה, איבד את הראשונות, שנאמר (יחזקאל לג, יב) צִדְקַת הַצַּדִּיק לֹא תַצִּילֶנּוּ בְּיוֹם פִּשְׁעוֹ, **ואפילו רשע גמור כל ימיו ועשה תשובה באחרונה, אין מזכירים לו שוב רשעו**, שנאמר (שם) וְרִשְׁעַת הָרָשָׁע לֹא יִכָּשֶׁל בָּהּ בְּיוֹם

KolSatmar.com

**מ׳האָט מער עֲבֵירוֹת** [אָדער] **מער זְכִיוֹת,** [וצדיקים נחתמין לאלתר לחיים]. **איז דאָך על כל פנים ׳נוצט עפּעס׳** [אם יש לו חבילות מצות עד שיהיו רוב נגד העבירות, כדי להכריע את הכף לרוב זכיות].

**יב**

**קושיא ז**

להבין שייכות דברי המדרש בענין חבילות של מצות, לדברי הפסוק **בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן**

**קען זיין.** [דהנה לכאורה קשה עוד על המדרש הנזכר], **דער מדרש ברענגט עס** [אויף בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן, איז] **קודם דאָ איז דאָך שווער, וואו קומט דאָס צו דעם בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ** [הענין של] **חֲבִילוֹת שֶׁל מִצְוֹת. וואו קומט דאָס אַהער.**

**יג**

הקדמה לישוב **קושיא ו-ז**

## בביאור ענין תשובה ותפילה וצדקה, המעבירין רוע הגזירה

אצל וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רוֹעַ הַגְּזֵרָה, מצויין במחזורים שאלו הג׳ דברים הם צוֹם קוֹל מָמוֹן

**נאָר וואָס׳זשע דען, ס׳שטייט** (בפיוט ונתנה תוקף) **וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רוֹעַ הַגְּזֵרָה, די דריי, אַזוי זאָגט מען דאָרט** (בימים נוראים) **צוֹם סוֹף פון** [דעם פיוט] **בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן. די דריי זאַכן זענען מַעֲבִירִין אֶת רוֹעַ הַגְּזֵרָה.**

**איז דאָרט צוגעצייכנט** [אַז] **די דריי זאַכן איז צוֹם קוֹל מָמוֹן, אַזוי שטייט אין די מחזורים.**

**יד**

ואיתא בספרים כי צוֹם קוֹל מָמוֹן עולה ת״ח, כמנין תיבת ״זֹאת״.

ויש להבין שילוב כל הג׳ דברים אלו ביחד, כנרמז בתיבת ״זֹאת״

[און] **צוֹם קוֹל מָמוֹן, די דריי** [צוזאַמען] **דאָס טרעפט אָן**[ח] **״זֹאת״,** [כמספר] **ת״ח** (408)[ט].

[ויש לבאר הענין] **וואָס זענען די דריי ׳צוזאַמען׳** [כרמוז בהגימטריא שלהם ״זאת״].

**טו**

והנראה בזה, דהנה תשובה מועיל רק אם הוא מקושר בנקודה שבלב. ומהאי טעמא אין מועיל תשובה בבית דין שלמטה רק בבית דין שלמעלה, כי אי אפשר לבית דין לידע אם שב מעומק נקודת הלב

**נאָר לעולם איז אַזוי, תְּשׁוּבָה ווייסט מען דאָך אַז ס׳מוז זיין אין נְקוּדָּה שֶׁבְּלֵב׳, אַז נישט איז נישט פאַרהאַנדן** [שיתקבל, שהרי] **דאָס וואָרט תְּשׁוּבָה איז טייטש מ׳קערט זיך אוּם** [בפנימיות לבבו אל הקב״ה, בחרטה על העבר וקבלה על להבא, מעומק הלב].

---

שׁוּבוֹ מֵרִשְׁעוֹ. וניהוי [צדיק שמרד] כמחצה עונות ומחצה זכיות [ולמה איבד את הראשונות], אמר ריש לקיש בתוהא על הראשונות [מתחרט על כל הטובות שעשה].

[וכן פָּסַק הרמב״ם בהל׳ תשובה (ג, א). ועיין עוד בגמרא שם (דף לט:)].

[ח] פירוש: שהוא עולה בגימטריא.

[ט] כן מובא בכמה ספרים, ומהם בספרי החיד״א בכ״מ. וז״ל החיד״א **בנחל קדומים** (פרשת אחרי): דורשי רשומות אמרו כי ג׳ דברים מועילים לתשובה ולביטול גזרה ולקרב הגאולה, והם צוֹם קוֹל מָמוֹן שֶׁמִּסְפָּרָם שוה [שכל אחד מהם בגימטריא קל״ו], ושלשתם גימטריא זא״ת, וזהו בְּזֹא״ת אֲנִי בוֹטֵחַ (תהלים כז, ג), זהו תורף דבריהם וכו׳.

ועיין **בישמח משה** על נ״ך (פירוש אֵבֶל מֹשֶׁה על איכה, דף נז.) וז״ל: וגם אקדים מה ששמעתי אומרים שכתוב בספר ויקהל משה [והוא בסוף הספר ויקהל משה בביאורו הסוד שנשא שלמה המלך ע״ה אלף נשים] מה שפירש **בזוהר** (עי׳ שם תולדות קלט:) בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ, ״זאת״ בגימטריא ת״ח, ופירש בספר הנ״ל כי צוֹם קוֹל מָמוֹן בגימטריא ת״ח, והיינו תְּשׁוּבָה תְּפִלָּה וּצְדָקָה, והיינו בְּזֹאת שפירש הזוהר בת״ח, עד כאן.

**ובאורח לחיים** (פרשת מצורע) וז״ל: כי מלת ״זאת״ מצאתי כתוב שהוא בגימטריא צוֹם קוֹל מָמוֹן, תשובה תפלה וצדקה שמעבירין את רוע הגזירה.

KolSatmar.com

**ווי דער נודע ביהודה זאָגט**[יא] [אַז] **איבערדעם נוצט נישט דאָ אונטן ביים בית דין שלמטה קיין תשובה** [להנצל מעונשי בית דין], **ווייל ס'איז** [תלוי אין] **אַ נְקוּדָה שֶׁבְּלֵב, מ'מעג טון** [תעניות וסיגופים, אבל אם אינו שָׁב מתוך נקודת הלב אין זה תשובה, ואין בית דין שלמטה יכולין להבחין בזה][יב].

---

[י] כמבואר בפסוק בסוף פרשת התשובה (נצבים ל, י): כִּי תָשׁוּב אֶל ה' אֱלֹקֶיךָ **בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ**. - וכן יש בנ"ך כמה פסוקים על זה. - וז"ל **הרמב"ם** (תשובה ב, ב-ג): ומה היא התשובה, הוא שיעזוב החוטא חטאו, ויסירו ממחשבתו, **ויגמור בלבו** שלא יעשהו עוד וכו'. וכן יתנחם על שעבר וכו', ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם וכו'. כל המתודה בדברים ולא גמר בלבו לעזוב, הרי זה דומה לטובל ושרץ בידו שאין הטבילה מועלת לו עד שישליך השרץ וכו'.

[יא] בשו"ת **נודע ביהודה** (מהדו"ק או"ח סימן לה): מה שביקש מעלתו ממני לְסַדֵּר לבעל תשובה זה תשובה על עֲוֹנוֹ וכו', הקשה לשאול ממני דבר קשה, שאיני רגיל להשיב לשואל ממני שאלה בדבר שלא אוכל למצוא שורש בדברי הגמרא והפוסקים, כי לא מצינו בכל התלמוד מספר התעניות ימים חרוצים וקצובים לכל חטא ואשמה כפי חומר העון. הן אֱמֶת שֶׁצוֹם כתיב בפסוק בנביאים לצורך התשובה, שֻׁבוּ עָדַי בְּצוֹם וגו' (יואל ב, יב), אמנם הגבלת מספר התעניתים לא נתפרש לא בכתוב ולא בגמרא, רק שספרי המוסר והתשובה האריכו בזה וכו' וספר אחד נשען על חבירו בלי יסוד כלל, ומצינו בזה הרבה חומרות והרבה קולות, ולכן קשה עלי להשיב בזה וכו'.

אלא שאומר אני, כל זה אם היה **התענית** דבר המעכב בתשובה, אבל באמת אין התענית רק דבר טפל לתשובה, **ועיקר התשובה הוא עֲזִיבַת חֵטְא, וִידּוּי דְּבָרִים 'בלב' נשבר, חֲרָטָה בלב שלם, הִתְקָרְבוּת וְהִתְלַהֲבוּת לאהוב את הבורא**, והיינו תְּשׁוּבָה, שֶׁיָּשֹׁב אֶל ה' וִירַחֲמֵהוּ (ישעי' נה, ז), **וְיָשֹׁב אֶל ה'** היינו שידבק בו, אבל שאר דברים **תענית וסיגופים** אינם עיקרים.

ותדע, הרי זה בלתי ספק **שהתשובה** מכפרת **כפרה גמורה**, ודבר זה מפורסם בתורה ונביאים וכתובים ובשני התלמודים ובכל המדרשים, והנביא אומר (יחזקאל יח, כז. לג, טז) וּבְשׁוּב רָשָׁע מֵרִשְׁעָתוֹ וגו', כָּל חַטֹּאתָו אֲשֶׁר חָטָא לֹא תִזָּכַרְנָה לוֹ וגו'. וגם זה אין ספק בו **בזמן** שסנהדרין היה **נוהג** אם עבר על חייבי מיתות בית דין אחר ההתראה, אף אם שהו עדים ולא באו לבית דין שנים רבות, ובין כך עשה זה תשובה והרבה סיגופים ותעניות לאין מספר יותר ויותר מתשובת המשקל הנזכר ברוקח (הל' תשובה), ושוב אחר כל התשובה באו עדים לבית דין והעידו, הא ודאי **שאין הבית דין משגיחין על תשובתו**, ושורפין וסוקלין לפי עונש החטא. והדבר יפלא, כיון שודאי שהתשובה הועילה וכבר סר עונו וחטאתו נתכפרה, למה יומת, וְנָקִי וְצַדִּיק אַל תַּהֲרֹג כתיב (משפטים כג, ז). ובהדיא אמרו בריש אלו הן הלוקין (מכות יג:) **חייבי מיתות, עָשָׂה תשובה אין בית דין מוחלין לו.**

אלא ודאי גזירת הכתוב הוא, שאלמלא כן בטלו עונשי תורה בכללן ואין אדם שיומת בבית דין, כי יאמר חטאתי והנני שב, וכיון שהקב"ה רצה ליתן עונש מיתה על קצת עונות, כדי שיתיירא האדם מלעבור, לכן נחוץ הוא שלא תועיל התשובה להציל ממיתת בית דין.

ואי סלקא דעתך שתשובת המשקל הוא עיקר בתשובה, אם כן ודאי שנאמר למשה מסיני כל עון ואשמה משקלה ומשקל תשובתה לפי ערכה, ומעתה למה לא יועיל תשובה להציל ממיתת בית דין, ואף על פי כן כל עונשי מיתת בית דין לא יבוטלו, דנחזי אנן אם סיגף עצמו לפי משקלו, ובפרט שהרבה סיגופים יש שאין להערים, כגון לישב ערום בפני הַדְּבוֹרִים וגלגול שלג וכיוצא מהנזכר בספרי התשובה, ומי שלא עשה לפי משקלו יומת בבית דין, וגם בתענית אין להערים שאם העדים יבואו תיכף לבית דין יומת, שהרי עדיין לא התענה. ואין לומר דאכתי היו בטלים כל עונשי ב"ד משום דבשעת התראה הוא ספק פן יעשה תשובה והוה התראת ספק, הא ליתא דמן הסתם העדים יביאוהו תיכף לב"ד, ועוד תינח למ"ד התראת ספק לא שמה התראה אבל למ"ד שמה התראה וכן קיימא לן, מאי איכא למימר. **אלא ודאי שאין לסיגופים ותעניות עיקר מן התורה, ועיקר התשובה הוא חרטה גמורה, וזה יכול להיות ברגע אחד**, ואם אתה אומר שתשובה תציל ממיתת בי"ד, בטלו כל דיני מיתות בית דין.

[יב] ועיין עוד באורך **בויואל משה** (א, עב) בענין זה, ומביא שם לשון החיד"א **בשמחת הרגל** (על הגדה של פסח, לימוד ג' רמז ב' ד"ה ורחץ) שכתב להדיא כן, ומבאר שם רבינו דגם כוונת הנודע ביהודה הוא באופן זה, עיי"ש ואכמ"ל. ובזה יובן דברי רבינו כאן שכתב תירוץ החיד"א על שם הנודע ביהודה:

ועיין **בישמח משה** (נשא ד"ה והתודו) שכתב תירוץ נפלא על מה שבמצות התשובה לא נכתב בתורה בלשון 'ציווי' רק מצות וידוי לבד, ולא ענין החרטה ועזיבת החטא. ואח"כ כתב וז"ל: ומעתה הרי מזה ראיה ברורה למה שכתב **בשו"ת נודע ביהודא, ובשו"ת שמן רוקח סימן י', דאין התעניתים וסיגופים עיקר לתשובה**, רק טפל. דאם נימא דהתעניתים והסיגופים הם עיקרי התשובה, אם כן הדרא קושיא לדוכתא למה לא ציותה התורה על זה, כאשר יתחרט יָצוּם וִיסַגֵּף את עצמו כנ"ל, **אלא ודאי עיקר התשובה היא החרטה**, כן נראה לי ברור לפענ"ד.

[וכן הביא שם בשם ספר החרדים, דעיקרי התשובה הם ג', חרטה, וידוי, ועזיבת החטא, והוא ג"כ כדברי הנודע ביהודה שחשב אלו ג' דברים, אלא שהוסיף גם "הִתְקָרְבוּת וְהִתְלַהֲבוּת לאהוב את הבורא", שהוא ענין הכולל הכל].

ועיין עוד מה שכתב רבינו בשו"ת **דברי יואל** (סימן ל אות א) **בביאור עיקרי התשובה**, וז"ל: הנה ידוע לכל

KolSatmar.com

### טז

וכן תפילה עיקרה בלב, וכמו שאמרו איזה עבודה שבלב זו תפילה

**תְּפִלָּה** ווידערעאום [גם כן תלוי בלב, וכמו שדרשו (תענית ב.) בפסוק] **וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם** (עקב יא, יג), **איזה עבודה שבלב, זו תפלה.**

**תפלה** ווייסט מען אויכעט [אַז] ס׳איז אַן **עבודה שבלב**, און אַז ׳אָן די **מַחֲשָׁבָה**׳ איז עס גאָרנישט[יג].

### יז

אבל בצדקה, אם נותן לעני, מתקיים המצוה בכל אופן, אף בלא מחשבה שבלב, שהרי סוף סוף העני נהנה מזה, והוא אינו יודע מחשבתו של הנותן

[אָבער] **צְדָקָה** איז דאָך לעולם אַ מִצְוָה אַזוי אויכעט. **אפילו שלא לשמה**[יד], [און] **אפילו בשכחה**, [אַז] מ׳האָט גאָר פאַרגעסן [שנפל פרוטה מידו ובא ליד העני], איז ער אויך מקיים אַ מִצְוָה[טו], ווייל [סוף כל סוף] ׳יענער׳ איז דעך דאָך נֶהֱנֶה.

---

**כי עיקרי התשובה היא חרטה גמורה מעומקא דלבא, לקבל בהחלטה ברורה שלא ישוב עוד לכסלה ולבקש מחילה וסליחה בלב נשבר ונדכה בשפיכת הנפש בבכי ובתחנונים לפני מלך מוחל וסולח המרחם על הבריות. וראשית הכל הוא עזיבת החטא בכל אופן ואופן, ולברוח מכל סיבה וסיבה שיוכל להביא ח״ו לידי אותן העונות כבורח מן הארי וכו׳ וזהו עיקרי הדברים. אמנם אעפ״כ מבואר בספרים הקדושים תעניתים וסיגופים לכפרת עונות ולתקן כתמי הנפש וכו׳, אבל מה נעשה בדור החלש הזה אין בכוחינו להחמיר בתעניתים וסיגופים וכו׳ יפדה עכ״פ בממון וכו׳, וממה נפשך, אם ח״ו לא יהיה עזיבת החטא כראוי, אין שום תועלת בתעניתים וסיגופים, ואם יעזוב חטאיו בשלימות, ויקיים כל ימיו וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד בשפיכת לב לפני הקב״ה כנזכר לעיל, הנה עשה על כל פנים עיקרי הדברים. ועל זה גופא ירבה בתפלה ותחנונים לפני הקב״ה שיעזרהו להנצל מהיום ולהלאה מכל דבר רע רח״ל, ולזכות לתשובה שלימה וכו׳.** [ועיין עוד שם, ובסימן לא].

[יג] **ועיין בזה בחובת הלבבות** (חשבון הנפש פ״ג, בחשבון התשיעי) **מה שהאריך בזה. ועיין בטור ושלחן ערוך הל׳ תפילה** (או״ח סימן צח). **והרבה האריכו בזה בספרי מוסר וספרי חסידות עד אין שיעור, ואכמ״ל.**

[יד] **עיין בגמרא פסחים** (ח.) **וראש השנה** (ד.)**: תניא האומר סלע זו לצדקה בשביל שיחיה בני או שאהיה בן העולם הבא, הרי זה צדיק גמור.** [פירש״י בפסחים: הרי זה צדיק גמור בדבר זה, ולא אמרינן שלא לשמה עושה, אלא קיים מצות בוראו שצוהו לעשות צדקה, ומתכוין אף להנאת עצמו שיזכה בה לעולם הבא או שיחיו בניו. - ובראש השנה פירש״י: הרי זה צדיק גמור. אם רגיל בכך]:

**ועיין בספר אמרי פנחס** (שער ז, אות מ) **וז״ל: מהבעל שם טוב, ג׳ דברים** [הם] **טובים אפילו שלא לשמה, אחד נתינת הצדקה, דממה נפשך העני נהנה. ב׳ מִקְוֶה, דממה נפשך מטהר וכו׳. ג׳ הלומד בן חבירו, מכל מקום נעשה למדן. אני שמעתי תענית הוא הג׳, אפילו שלא לשמה, מכל מקום משבר הגוף:**

**ובספר תורי זהב** (פרשת ראה)**: נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ וגו׳ כי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ** (ראה טו, י)**. יש לפרש על פי ששמעתי אומרים מאיש אלקי מו״ה ישראל בעל שם נ״ע, דכל המצות שאדם עושה עם פניה, מוטב היה שלא לעשותו כלל, אבל צדקה אף שאינה מהמובחר כעושה לשמה, מכל מקום מצוה עושה, שֶׁמְּחַיֶּה לנפש האביון. וזהו אומרו כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה, וּגְלַל הוא לשון גָּלָל, ורצ״ל שהוא פסולת המאכל, כמו כן העבודה שהיא שלא לשמה היא פסולת, והעבודה שהיא לשמה הוא מובחר העבודה, ורצה לומר אף בפסולת העבודה של צדקה שהיא שלא לשמה, אעפ״כ יְבָרֶכְךָ וכנ״ל, וק״ל. ובסגנון הזה שמעתי מפה קדוש החסיד המובהק מו״ה מנחם מענדיל מפרימישלאן על פסוק** (לך יב, יג) **וְחָיְתָה נַפְשִׁי בִּגְלָלֵךְ.**

**ובספר תשואות חן** (פרשת תרומה)**: וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה, ופירש״י לי לשמי. שמעתי מפי מוהר״ש** [רבי שמואל] **קאמינקר ז״ל, שאמר לפני הבעש״ט ז״ל ביאור על פירש״י הנ״ל, על פי הקדמתו שקיבל ממנו** [שמוהר״ש קיבל מהבעש״ט] **שנתינת הצדקה עולה יפה אפילו כשאין נותנין לשם שמים, כי טרם הכל ניזון העני ומחיה את נפשו בצדקה. וביאר שזה פירש״י ז״ל וכו׳** [עיי״ש].

[טו] **כמבואר בתורת כהנים פרשת ויקרא** (פי״ב, יג) [והובא ברש״י שם (ה, יז)]**: רבי אלעזר בן עזריה אומר, הרי הוא אומר** (תצא כד, יט) **כִּי תִקְצֹר קְצִירְךָ בְשָׂדֶךָ וְשָׁכַחְתָּ עֹמֶר בַּשָּׂדֶה לֹא תָשׁוּב לְקַחְתּוֹ לַגֵּר לַיָּתוֹם וְלָאַלְמָנָה יִהְיֶה לְמַעַן יְבָרֶכְךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ, קָבַע הכתוב ברכה למי שבא לידו מצוה בלא ידיעה, אמור מעתה, היתה סלע צרורה לו בכנפיו ונפלה ממנו, מצאה העני ומתפרנס בה, הרי הכתוב קובע לו ברכה, כשוכח עומר בתוך שדהו.**

**ובספרי פרשת תצא** (פיסקא עג) [והובא ברש״י שם (כד, יט)]**: אמר רבי אלעזר בן עזריה, מנין למאבד סלע מתוך ידו ומצאה עני והלך ונתפרנס בה, מעלה עליו הכתוב כאילו זכה, תלמוד לומר לַגֵּר לַיָּתוֹם וְלָאַלְמָנָה יִהְיֶה. והרי דברים קל וחומר, ומי שלא נתכוון לִזְכוּת מעלה עליו הכתוב כאלו זכה, מי שנתכון לִזְכוּת על אחת כמה וכמה.**

KolSatmar.com

די מצוה פון [צדקה], די **מִצְוַת צְדָקָה** איז דאָך, אַז יענער זאָל האָבן, יענער זאָל נֶהֱנֶה זיין. און יענער איז דאָך פון דעם נֶהֱנֶה [בכל אופן], יענער שפּירט דאָך נישט זיין מַחֲשָׁבָה.

### יח

ומכל מקום אף שעצם המצוה של צדקה מתקיימת גם בלא המחשבה, אמנם בכדי להעביר את רוֹעַ הַגְּזֵרָה על ידי שהצדקה יכפר על העוונות, זהו רק כשהצדקה היא מקושר עם המחשבה שבלב

[ואם כן] **העט געווען אַ סברא** [דצדקה מועיל לגמרי אף בלא מחשבה שבלב].

**אָבער** [אויף] **טאַקע לְהַעֲבִיר אֶת רוֹעַ הַגְּזֵרָה** [אין זה מספיק], - **ס׳איז טאַקע אַ מִצְוָה, מ׳האָט דערפאַר שְׂכַר**, - **אָבער אַז ס׳זאָל** [פועל זיין] **לְהַעֲבִיר אֶת רוֹעַ הַגְּזֵרָה, מוז עס זיין מְקוּשָׁר מיט אַ מַחֲשָׁבָה שֶׁבַּלֵּב.**

### יט

וכמו בקרבנות, שמכפרים רק עם המחשבה שבלב

**ס׳איז אַזוי ווי אַ קָרְבָּן וואָס ס׳האָט געמוזט זיין די מַחְשָׁבָה, אַז נישט האָט עס נישט גענוצט** [לכפר על הבעלים, אף שהמצוה מתקיימת גם בשלא לשמה, והקרבן כשר][טז].

### כ

ולכן הושוו יחד כל הג׳ ענינים של תשובה ותפלה וצדקה, כי בכולם צריך שיהיה מקושר בלב, כדי שיועילו להעביר את רוע הגזירה

**איבערדעם נעמט מען צוזאַם די אַלע דריי אינאיינעם, תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה,** [להורות כי] **די זענען אַלע גלייך**, [וגם בצדקה צריך מחשבה שבלב בכדי להעביר הגזירה][יז].

---

[טז] כמבואר **במשנה** (זבחים ב.): כל הזבחים שנזבחו **שלא לשמן כשרים, אלא שלא עלו לבעלים לשם חובה**, חוץ מן הפסח והחטאת [שהם אף ׳פסולין׳ בשלא לשמה כמבואר בהמשך המשנה שם]. **ופירש רש״י**: כל הזבחים שנזבחו שלא לשמן, שנשחט עולה לשם שלמים. כשרים, לזרוק דמן ולהקטיר אימוריהם ולאכול את הנאכלין, אע״פ שמצותן לשוחטן לשמן כדיליף בגמרא. אלא שלא עלו לבעלים לשם חובה, וצריך להביא אחר לחובתו או לנדרו, וישחטנו לשמו:

ועיין עוד באורך בענין הקרבן **בישמח משה** (פרשת ויקרא ופרשת צו) **דצריך להיות בכוונת הלב להתעורר** בתשובה עי״ז. וע״ע **בדברי יואל שמיני** (עמוד קפא, קפז).

[ומלבד זה ידוע דהמביא קרבן צריך שישוב בלבו בתשובה ויתודה על חטאו, וז״ל הרמב״ם (הל׳ תשובה א, א): וכן בעלי חטאות ואשמות בעת שמביאין קרבנותיהן על שגגתן או על זדונן, אין מתכפר להן בקרבנם עד שיעשו תשובה ויתודו וידוי דברים, שנאמר (ויקרא ה, ה) וְהִתְוַדָּה אֲשֶׁר חָטָא עָלֶיהָ. - ומ״מ כוונת רבינו בכאן נראה יותר דהוא כדלעיל, לפי המשך הדרוש].

[יז] ועיין עוד **בדברי יואל לראש השנה** (אות עג-עד) מה שביאר רבינו באופן אחר בכוונת מאמר זה ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה, וז״ל שם: יש לדקדק מה שפרט צדקה לאחרונה, הלא קיימא לן דעל נדרי צדקה עוברין בבל תאחר לאלתר, משום דקיימי עניים, ואם כן בצדקה צריכין להקדים בכל האפשרות וכו׳. אמנם יבואר על פי דברי הכתוב בפרשת עקב **וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד**, ופירש״י **לפייסו בממון**, ועיין שם **ברמב״ן וברא״ם**. ואם כן אם אין עושין תשובה, אין הצדקה נחשבת לכלום, שהקב״ה אינו לוקח שוחד, ואי אפשר לפייסו ׳בממון לחוד׳. משא״כ אם עושין תשובה ותפילה אז הצדקה מסייע, וכאמרם ז״ל (בבא בתרא י.) גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה, ואם כן הצדקה מסייע לתשובה ולתפילה להעביר את רוע הגזירה, ולכן צריך לשוב בתשובה מקודם לתקן את אשר פגם, ואח״כ תועיל הצדקה, ולזה אומרים **ותשובה ותפלה וצדקה**.

או יאמר בסגנון אחר קצת, דהנה נמצאין בעוה״ר כמה בני אדם שעוברין על כל התורה כולה, וכדי לחפות על מעשיהם נותנים צדקה, וסוברים שבזה יהיה להם כפרה על הכל. אמנם לֹא בְּאֵלֶּה חָפֵץ ה׳, כמאמר הכתוב (מיכה ו, ז-ח) הֲיִרְצֶה ה׳ בְּאַלְפֵי אֵילִים וגו׳ כִּי אִם עֲשׂוֹת מִשְׁפָּט וְאַהֲבַת חֶסֶד וגו׳, ולזה אמר שרק צדקה כזו שמקדים אליה תשובה מעביר את רוע הגזירה, ולא להיפך, אם נותנים הצדקה לחפות על התועבות, דעל זה אמר הכתוב (משלי כא, כז) זֶבַח רְשָׁעִים תּוֹעֵבָה, ולזה הקדים תשובה ותפלה מקודם. וזהו שנאמר **וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד** ופירש רש״י **לפייסו בממון**, דלא יחשוב שבנתינת צדקה לחוד יפייס את הקב״ה, דצדקה בלי תשובה אינו שוה מאומה, והבן. [ועיין עוד שם באות עג ואות עה].

KolSatmar.com

## כא

## סיום ישוב קושיא ו

ובכה"ג שפיר יש עצה המועיל על כפרות העונות, שהקב"ה מקבל אלו המצות נגד העבירות

[והיוצא מזה, דעל כל פנים] **אַז ס'איז מְקוּשָׁר מיט אַ נְקוּדָה שֶׁבְּלֵב, דעמאָלטס האָט עס אַ גרויסן כֹּחַ, און ס'נוצט טאַקע יאָ.**

[ומצאתי מפורש כן[יח] **במדרש שוחר טוב**[יט] בפסוק (תהלים פרק יז, ב) מִלְּפָנֶיךָ מִשְׁפָּטִי יֵצֵא][כ].

## כב

## ישוב קושיא ב

וזהו שכתב רש"י וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד, לפייסו בממון, היינו בממון לבד, בלא תשובה ותפילה, עבור שתחשוב שצדקה מועיל אף בלא מחשבה שבלב, זה אינו מקבל. אבל הצדקה שהוא מקושר עם המחשבה שבלב, בצירוף תשובה ותפילה מעומק הלב, שפיר מתקבל לרצון אף לכפר על העבירות

**איבערדעם זאָגט ער** [ברש"י בפסוק] **לֹא יִקַּח שֹׁחַד, אַז דו וועסט אַרויסנעמען פון די דריי** [זאַכן][כא] **בלויז "ממון", ווייל דו וועסט קלערן** [אַז] **דאָרטן דאַרף מען נישט האָבן קיין הַאַרץ, דאָס איז** [לֹא יִקַּח]**, דעס נוצט נישט. איבערדעם זאָגט ער אֲשֶׁר לֹא יִקַּח שֹׁחַד, זאָגט רש"י לפייסו "בממון",** [דהיינו בממון בלבד, בלא תשובה ותפילה התלוי בנקודת הלב]**.**

---

[יח] כן נדפס הלשון **בחידושי תורה** (לימים נוראים סוכות וחנוכה, תשכ"ז ותשכ"ח) **שיצא לאור בשעתו** [והועתק שם גם מלשון המדרש בקיצור, ולהלן בהערה שאחר זה הבאנו דברי המדרש באורך]. וכן נדפס אח"כ **בדברי יואל ליו"כ**. וכפי הנראה מלשון זה, שהוא ממה שהוסיף רבינו עצמו בעת עוברו על הכתבים של הכותב.

[יט] מדרש שוחר טוב כולל מדרש תהלים ומדרש משלי.

[כ] וז"ל **במדרש תהלים** (פרק יז, ב): אמר רבי לוי, אמר לו הקב"ה [לדוד], על חנם עשיתי סנהדרין, לֵךְ ודון לפניהם. אמר לו דוד, רבונו של עולם כתבת בתורה (משפטים כג, ח) וְשֹׁחַד לֹא תִקָּח, והן מתייראים ליקח שוחד ולדון אותי. **אבל אתה, שאתה נוטל שוחד מן הרשעים בעולם הזה, תשובה ומעשים טובים ותפלה**, מִלְּפָנֶיךָ מִשְׁפָּטִי יֵצֵא. אמר הקב"ה לישראל, בָּנַי, **עד ששערי תפלה פתוחים, עֲשׂוּ תפלה ותשובה, שאני נוטל שוחד בעולם הזה**. אבל משאני יושב בדין לעולם הבא, אֵינִי נוטל שוחד, שנאמר (משלי ו, לה) לֹא יִשָּׂא פְּנֵי כָל כֹּפֶר וְלֹא יֹאבֶה כִּי תַרְבֶּה שֹׁחַד. לפיכך אמר (תהלים טז, יא) תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים, **אלו עשרת ימים שבין ראש השנה ליום הכיפורים**. מהו נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח, **זה הלולב**, כמי שנוטל ונוצח ובא. בנוהג שבעולם שני הַנְּדִיוֹסִין רָצִין בְּהִפַּרְכוֹס, מי שנוטל ובא הוא נוצח. כך בראש השנה עוברין לפניו כבני מרון, ואין אדם יודע מי נוצח, אם ישראל אם אומות העכו"ם. עָבַר ראש השנה, כל ישראל באין ומתענין ביום הכפורים, לובשים לבנים ומתעטפים לבנים. עָבַר יום הכפורים, ואין אדם יודע למי נמחל. כיון שהגיע יום הראשון של חג, וכל ישראל יוצאין קטנים וגדולים וטוענין לולביהן בידם, מיד הכל יודעין שנצחו ישראל בדין ונמחלו עוונותם, והם יודעין שנצחו. שנאמר (שמואל-א טו, כט) וְגַם נֵצַח יִשְׂרָאֵל לֹא יְשַׁקֵּר. והוא שדוד אומר לישראל, קַיְּמְתֶּם מצות לולב שנקרא נָעִים, שנאמר נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח, הרי את מְבֻשָּׂר שנצחת לאומות העכו"ם, שנאמר וְגַם נֵצַח יִשְׂרָאֵל.

**ובמדרש תהלים** דפוס שנת תרנ"א (מתוך כת"י) איתא בזה"ל: אמר ליה דוד, רבונו של עולם כָּתַבְתָּ בתורתך וְשֹׁחַד לֹא תִקָּח, והן מתייראין ממני וכו', אבל אתה רצונך שתקח שוחד, מִלְּפָנֶיךָ מִשְׁפָּטִי יֵצֵא. ומנין שהקב"ה לוקח שוחד, שנאמר שֹׁחַד מֵחֵיק רָשָׁע יִקָּח (משלי יז, כג), **ומה השוחד שנוטל מן הרשעים בעולם הזה, "תשובה ותפלה וצדקה"**, לפיכך כתיב מִלְּפָנֶיךָ מִשְׁפָּטִי יֵצֵא. אמר הקב"ה, בני עד ששערי תפילה פתוחין **עֲשׂוּ תשובה, שאני לוקח שוחד בעולם הזה**, אבל משאני יושב בדין לעתיד לבא איני לוקח שוחד וכו'.

[ואגב, לפי דברי הנודע ביהודה דלעיל דבבית דין שלמטה לא מהני תשובה, רק בבית דין שלמעלה, בזה יובן היטב טענת דוד המלך שידונו אותו למעלה ולא אצל הסנהדרין, והבן].

ועיין **בדרך חיים** (למהר"ל, אבות ד כב) שהביא דברי המדרש תהלים, ומבאר שם הענין, וכתב שם בתוך הדברים וז"ל: ומה שנקרא התשובה ומעשים טובים שוחד, מפני שהוא שוחד בערך בית דין שלמטה, שאם עבר עבירה ואפילו אם עשה כמה וכמה מצות **אין בית דין של מטה מְשַׁנִּים הדין, אבל אצל השי"ת אינו כך**, רק כאשר מתקן מעשיו מעצמם. ושוחד גמור נקראו תשובה ומעשים טובים, **כי על ידי תשובה ומעשים טובים נעשה האדם עם הש"י אחד לגמרי**, ואין הדין על מי שהוא דבק בו יתברך ונעשה עמו אחד לגמרי. אבל דבר זה שהוא תשובה ומעשים טובים, **הם תקון האדם עצמו**, עד שיצא מן הדין בעצמו, **שנעשה זכאי אחר שהיה חייב**, והנה אין לוקח שוחד מן החייב שלא יבא עליו הדין, אבל השוחד הזה שהוא באמת זכאי, בודאי הקב"ה נוטל, ועל ידי תשובה ומעשים טובים הוא מסולק מן החטא, ואין צריך ביאור.

[כא] שהם "צום קול ממון".

KolSatmar.com

ווארן אַז ס׳איז טאַקע ׳אַלע דריי׳, תְּשׁוּבָה, וּתְפִלָּה, וּצְדָקָה [במחשבה שבלב], דאָס נעמט מען יאָ [אָן], אויף דעם קאָן מען נישט זאָגן לֹא יִקַּח שֹׁחַד, ווייל דעס איז דאָך טאַקע אַלע דריי אינאיינעם, דאָס העלפט דאָך [יאָ].

כג

ישוב קושיא ז

הפסוק "בְּזֹאת" יָבֹא אַהֲרֹן, רומז על "צוֹם קוֹל מָמוֹן" שבגימטריא זאת, שהוא תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה, שבזאת יבא הכהן גדול לכפר בקודש. ולזה הביא על זה המדרש אם עשית חבילות עבירות עֲשֵׂה נגד חבילות של מצות, והיינו בצירוף התשובה ותפילה וצדקה מעומק הלב

איבערדעם זאָגט ער [במדרש על הפסוק] וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ וגו׳ בְּ״זֹאת״ יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ, אַז [ער קומט] מיט תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה אינאיינעם [שהם צוֹם קוֹל מָמוֹן, שעולים כמנין "זֹאת"].

איבערדעם זאָגט דער מדרש, ׳בְּתַחְבֻּלוֹת׳ תַּעֲשֶׂה לְּךָ, ״חֲבִילוֹת״ מִצְוֹת, אַז ס׳איז טאַקע [אַלע דריי מִצְוֹת] ״אינאיינעם״, די בחינות פון ״זֹאת״, [בזה תַּעֲשֶׂה לְּךָ מִלְחָמָה][כב].

כד

# ישוב הקושיות בפזמון יֶרֶצֶה צוֹם עַמְּךָ

ישוב קושיא א

וזה שאמר הפייטן, בַּמֶּה אֲקַדֵּם וְאִכַּף פְּנֵי לֹא יִקַּח שׁוֹחַד, אם וּבְיָדִי אֵין מַעַשׂ, דהיינו מעשים טובים כאלו המקושרים עם הנקודה שבלב בתשובה ותפילה וצדקה, שיספיקו להיות חבילות מצות נגד חבילות העבירות

איבערדעם זאָגט מען:

בַּמֶּה אֲקַדֵּם וְאִכַּף פְּנֵי לֹא יִקַּח שׁוֹחַד, ער נעמט נישט, אַז ס׳איז נישט [מקושר] ״בלב״.

וּבְיָדִי אֵין מַעַשׂ, מ׳האָט נישט קיין מַעֲשִׂים ס׳זאָל זיין [מקושר עם הנקודה שבלב], ס׳זאָל מַסְפִּיק זיין [להיות חֲבִילוֹת מִצְוֹת נגד חֲבִילוֹת עֲבֵירוֹת, להכריע את הכף לרוב זכיות][כג].

כה

ישוב קושיא ג

וְעַל "זֹאת" לִבִּי יִפְחַד, שהפחד הוא על שאין לי בחינת "זֹאת" דהיינו "צוֹם קוֹל מָמוֹן" שהוא תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה, להעביר את רוע הגזירה

פאַרוואָס [איז עס נישט מַסְפִּיק], זאָגט ער ווייל עַל ״זֹאת״ לִבִּי יִפְחַד, ווייל דער בחינה [פון "צוֹם קוֹל מָמוֹן"] וואָס ס׳ליגט אין דעם ״זֹאת״, [דהיינו] תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה, אויף דעם האָט מען מוֹרָא, [אויף דעם] ווייסט מען נישט וויאַזוי מ׳האַלט, [ובאם הוא מקושר בכוונת הלב].

---

[כב] ומה שאמרו במדרש אם עשית חבילות עבירות עשה כנגדן "חבילות של מצות", הכוונה בצירוף תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה, ויהיה התשובה מדה כנגד מדה, כדמפרש ואזיל שם במדרש שאותן האברים שפגם בהם וחטא בהם, יתקן אותם על ידי שיעשה בהם מצות, ובתנאי שיקדים אליה התשובה תפלה וצדקה, דאף שאין הקב״ה לוקח שוחד דמצוה, היינו דמצוה פרטית אין בכחה לכבות עבירה, אבל ביחד עם תשובה תפילה וצדקה, הקב״ה מקבלם ברצון לכפר על עונו, ולהכריע את הכף לזכיות. (מדברי יואל).

[כג] אבל אם היה מספיק התשובה ותפילה וצדקה שלנו מעומק הלב, שפיר יכולין לפייס כביכול בזה. ובהמשך דבריו מסיים הפייטן דגם הזכרת מלכות שם המיוחד בדרך התקשרות להצדיקים ויעקב אבינו מועיל (כדלהלן בישוב קושיא ד-ה). ולכן שפיר מובן צורך ההקדמה במה שהקדים בַּמָּה אֲקַדֵּם וְאִכַּף פְּנֵי לֹא יִקַּח שׁוֹחַד, ובזה שפיר מיושב קושיא א.

KolSatmar.com

**כו**

הקדמה לישוב קושיא ד-ה

## בביאור הלשון שְׁמַע יִשְׂרָאֵל שאומרים בקריאת שמע

ולזה מסיים דהעצה הוא בְּזָכְרֵי מַלְכוּת שֵׁם הַמְּיוּחָד, על ידי קבלת עול מלכות שמים
מתוך התקשרות עם האבות הקדושים שהם שפיר עבדו את ה׳ בכל לב, וכמו שיתבאר

**נאָר אָבער, בְּזָכְרֵי מַלְכוּת שֵׁם הַמְּיוּחָד, אַ איד וואָס זאָגט קריאת שמע יעדן טאָג, צוויי מאָל אין טאָג, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד.** [בזה מתקשר אל האבות הקדושים, שהם עבדו את ה׳ בכל לבבם].

**כז**

דלכאורה קשה למה במצות קריאת שמע מתחילין באמירת שְׁמַע יִשְׂרָאֵל,
מה שלא מצינו בשאר מצות. והלא פשיטא הוא שרק לישראל נאמר ולא לגוים

[דהנה לכאורה] **וואָס איז דער פְּשַׁט שְׁמַע יִשְׂרָאֵל,** [והיה סגי שיתחיל לומר] **ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד, אַוודאי זאָגט מען פאַר אידן. וואָס דען? פאַר גוים? פאַר זיי רעדט מען** [דאָך] **נישט. וואָס** [עפּעס דאַרף ער זאָגן שְׁמַע ״יִשְׂרָאֵל״].

**מ׳הייבט דאָך נישט אָן קיין שום** [אַנדערע זאַך], **ווען מ׳איז אויף זיך מְקַבֵּל יעדע מַחֲשָׁבָה, יעדע נְקוּדָה, הייבט מען נישט אָן** [מיט] **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל.**

**כח**

אמנם מבואר במדרש ב׳ דרכים, דאמירת שְׁמַע ״יִשְׂרָאֵל, קאי על ישראל סבא שהוא יעקב אבינו. ולפשט הראשון קאי זה על מה שהשבטים אמרו כן ליעקב אבינו כשבא לברך אותם, ואמרו לו ״שמע ישראל אבינו״, כשם שאין בלבך אלא אחד כך אין בלבנו אלא אחד

**נאָר[כד] אין מדרש רבה שטייט[כה], שְׁמַע ״יִשְׂרָאֵל״, זאָגט ער צוויי פְּשָׁטִים אין מדרש רבה[כו].**

[איין פְּשַׁט איז], **ווען יעקב אבינו איז געקומען** [וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו] (ויחי מט, א) **ער האָט געוואָלט בענטשן די קינדער, די שבטים, די הייליגע שבטים. דאָרטן מ׳האָט געפרעגט** [שמא יש בכם פסול], **קודם איז דאָך געווען** [אַז] **ער האָט נישט געקענט,**

---

[כד] עיין ענין זה באורך בדברי רבינו, בדברות קודש **לערב יום כיפור תשכ״ו** (ובדברי יואל ליו״כ אות י), **ובדרשת הושענא רבה תשכ״ו** (בפסקא יחידה ליחדך), **והושענא רבה תשכ״ח** (בפסקא למענך אלקינו, ובדברי יואל להו״ר אות לא). **ובס״ג ויחי תשט״ו** (לשו״ק קונטרס קלב), **ואתחנן תשכ״ו** (קונטרס קיא), **ואתחנן תשכ״ז.**

[כה] **בבראשית רבה** (ויחי צח, ג): **אלעזר בן אחוי אמר, מכאן זכו ישראל לקריאת שמע. בשעה שהיה יעקב אבינו** נפטר מן העולם קרא לשנים עשר בניו, אמר להם שִׁמְעוּ אֶ-ל יִשְׂרָאֵל שבשמים אֲבִיכֶם [והכי פירושו, ושמעו שֵׁקֶ-ל יִשְׂרָאֵל שבשמים הוא אֲבִיכֶם ואין זולתו. עץ יוסף], **שמא יש בלבבכם מחלוקת על הקב״ה. אמר לו שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אבינו, כשם שאין בלבך מחלוקת על הקב״ה כך אין בלבנו מחלוקת, אלא ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד. אף הוא פירש בשפתיו ואמר בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד.** רבי ברכיה ורבי חלבו בשם רבי שמואל, **הדא הוא שישראל משכימים ומעריבים בכל יום ואומרים שמע ״ישראל אבינו ממערת המכפלה״, אותו דבר שצויתנו עדיין הוא נוהג בנו, ה׳ אלקינו ה׳ אחד.**

וכן הוא **בדברים רבה** (ואתחנן ב, לה): **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל. מהיכן זכו ישראל לקריאת שמע, משעה שֶׁנָּטָה יעקב למיתה קָרָא לכל השבטים, ואמר להן, שמא משאני נפטר מן העולם אתם משתחוים לאלוה אחר, מנין, שכך כתיב** (ויחי מט, ב) **הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי יַעֲקֹב וגו׳ מהו וְשִׁמְעוּ ׳אֶל יִשְׂרָאֵל׳ אֲבִיכֶם, אמר להן ״אֵ-ל יִשְׂרָאֵל״ אֲבִיכֶם הוּא, אמרו לו שְׁמַע ״יִשְׂרָאֵל״ ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד, והוא אומר בלחישה בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד. אמר רבי לוי, ומה ישראל אומרים עכשיו, שְׁמַע ״אבינו יִשְׂרָאֵל״, אותו הדבר שצויתנו נוהג בנו, ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד.**

[ועיין מענין זה **ברמב״ם** הלכות קריאת שמע (א, ד)].

[כו] הַפְּשַׁט השני הוא סיום המדרשים הנזכרים, שמפרש כן לענין ישראל שבכל הדורות שאומרים כן ליעקב אבינו, ומובא בדברי רבינו להלן באות לו.

KolSatmar.com

נסתלקה ממנו שכינה, האָט ער געזאָגט שמא יש באחד מכם [מחלוקת על הקב"ה, אמרו לו] **כשם שאין בלבך** [אלא אחד] **כך אֵין בלבינו** [אלא אחד][כז].

**כט**

ויש להבין למה הוצרכו להקדים הקדמה "כשם שאין בלבך" אלא אחד, דהיה סגי שיאמרו סְתָם "אין בלבנו אלא אחד"

**לכאורה וואָס הייסט "כשם שאין בלבך"** [אלא אחד, כך] **אֵין בלבינו, איז דען פאַרהאַנדן צוויי ערליי אַחְדוּת ה'** [דיהו צריכין לאפוקי איזה אופן אחר. והיה סגי שיאמרו] **"אֵין בלבינו אלא אחד", פאַרוואָס דאַרפן זיי זאָגן** [דעם] **"כְּשֵׁם", איז** [דען] **פאַרהאַנדן עפּעס אַנדערש** [באופן היחוד] **וואָס ס'איז נישט אַזוי.**

**ל**

אמנם באמת אף שכולם הודו והאמינו ביחוד ה' כמו יעקב אבינו, מ"מ במדריגת ההשגה ביחוד ה' בודאי יש בזה הרבה מדריגות בהשגה עד אין ערך, ואין לדמות השגתם להשגתו של יעקב אבינו בחיר האבות

[נאָר] **אין דער אֱמֶת'ן אַריין איז דאָך עס טאַקע נישט אַזוי** [שאין מדריגת השגתם ביחוד ה' מגיע למדריגת והשגת יעקב אבינו ביחוד ה'].

**וואָרן ווי העכער מ'איז, ווי מער הַשָּׂגָה מ'האָט, איז מען דאָך אַנדערש מְיַחֵד את הקדוש ברוך הוא** [במדריגה והשגה יותר גבוה].

**לא**

וכעין שמצינו בענין תשובת רבי סעדיה גאון, שבכל יום שב בתשובה לאחר שהשיג יותר בגדלות הבורא, שלפי זה הכיר יותר ויותר בחיוב עבודתו יתברך

[ווי] **מ'ברענגט**[כח] **פון רבי סעדיה גאון, ער האָט געזאָגט, ווען ער האָט מַשִּׂיג געווען מער, האָט ער תְּשׁוּבָה געטון פאַרוואָס ער האָט נישט איידער** [דעם] **- פון פריער, נעכטן - אַזוי געדינט דעם באַשעפער.**

---

[כז] לשון זה הוא מהגמרא פסחים (נו:) המובא להלן (בהערה לח). וכן הלשון **נסתלקה ממנו שכינה** הוא מלשון **הגמרא** שם, ומלשון **רש"י** פרשת ויחי (מט, א).

[כח] עיין זה בקצרה **בחובת הלבבות** (עבודת האלקים פ"ג, ד"ה והחמישי) וז"ל: וכבר נאמר **על קצת הפרושים**, שהיו כל ימיהם בתשובה, מפני שהיו מחדשים בכל יום תשובה בעבור תוספת הַכָּרָתָם בגדולת האלקים בכל יום, וקיצורם במה שהם חייבים לו מן העבודה בשעבר:

ובארוכה הובא זה **בסידורו של שבת** (ח"ב דרוש ג, פרק ג) וז"ל: על דרך ששמעתי בשם **רב סעדיה גאון** שפעם אחת בא אצלו אחד מתלמידיו פתאום בלילה ומצא אותו שהיה מתגלגל בְּשֶׁלֶג, והיה התלמיד עומד משתומם ונחרד ונרתת, ואמר לו רבי רבי כלום חס ושלום אתה צריך לתשובה ביסורים וסגופים גדולים כאלה, ואם הדרת כבודו שמעולם נשמר מכל לכלוך והרהור עבירה מסגף עצמו כך, מה נעשה עוד אנחנו אזובי קיר מלאים פשעים ועונות מנעורינו, הלא לא יספיק לנו כל מיני צער ויסורים בסגופים גדולים מרים כַּמָּוֶת, לפי ערך הדרת מעלת כ"ת שיהיה צריך לגלגול שלג.

והשיב לו, תדע שמעולם לא עשיתי כזאת, כי ידעתי בנפשי שלא עברתי על עבירה כזו ח"ו שאהיה צריך לכזה, ואך למדתי דרך הזה מבעל הבית אחד שבאתי לבית מלונו ונתאכסנתי אצלו, והוא לא היה מכיר בי אם אני בעל תורה או לא, וכבדני כערך הכבוד שעושין לכל אדם מהמוני עם בני ישראל. ואחר כך יצא הקול בעיר שאני באתי לשם, ונתאספו כל בני העיר אנשים ונשים וטף ובאו כולם לכבודי, כדרך אנשי ישראל שכבוד תלמידי חכמים יקר בעיניהם, וכולם מכבדין אותי ומספרין בשבחי ומשמשין אותי למאוד. ובראות הבעל הבית שכן הוא, התחיל גם הוא אחר כך לכבדני בכבוד גדול ונורא מאוד ולעשות לי כל מיני יקר וגדולה כפי השגת ידו ויותר, וכשרציתי לצאת משם לשום לדרך פעמי וכל בני הקהלה עומדים לְלַוֵּנִי, ויפול הבעל הבית לפני רגלי ויבך ויתחנן לי לאמר ימחול נא כ"ת לי על כבודו, ואמרתי לו הלא כל הכבוד הזה עשית לי מאשר היה בידך ובכוחך לעשות, ומה היית יכול לעשות עוד בכבודי, והשיבני אני מפייסך על השעה הראשונה שלא הייתי יודע במעלות גדולת אדמו"ר, ולא כבדתו בכבוד הראוי לכבודו הרמתה רק כפי שמכבדין שארי אנשים, על זה אני נופל לפני רגלי אדמו"ר ומבקש מלפניו יסלח אדוני לעבדו על מעט הכבוד שעשיתי לו, שלא ידעתי אז בגדולת אדמו"ר.

ואלה הדברים נכנסו בתוך מעמקי לבי, אם בכבוד בשר ודם נפל לְפָנַי בבכי ובתחנונים שאסלח לו על הֶעָבַר, מכל שכן דכל שכן בגדולת יוצר בראשית, שידעתי בטוב אשר עתה נתרבה הדעת וההכרה אצלי ביותר

KolSatmar.com

## לב

[ואם כן] ס'איז דעך דאָך אַנדערש דער מְיַחֵד זיין אֶת ה' [כל שהשגתו יותר], **זאָגט מען דאָך אַנדערש דעם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, טאַקע דער זעלבער** [אמירה ויחוד, הוא מוסיף בזה יותר השגות ומדריגות].

[ואם כן קשה לאידך גיסא], **איז עס דען אַזוי געווען** [יחוד הלב של השבטים כשל יעקב אבינו מובחר האבות].

## לג

ודאגתו של יעקב על השבטים לא היה כפשוטו שמא יש בהם פְּסוּל ביחוד ה', אלא על שאין השגתם בשלימות הגמור כמו ביעקב אבינו. ועל זה השיבו לאביהם "כשם שאין בלבך" אלא אחד כך אין בלבנו, דהיינו שאנו מקשרים עצמינו בשעת יחוד ה' עם יעקב אבינו, ועי"ז מצטרף היחוד ה' שלנו עם היחוד ה' וקבלת עול מלכות שמים של יעקב אבינו, ובזה עולה כהוגן גם קבלת עול מלכות שמים שלנו

**נאָר, ער האָט דאָ מורא געהאַט** [אויף] **די הייליגע שְׁבָטִים, זיי האָבן טאַקע מְיַחֵד ה' געווען, נאָר** [ער האָט אָבער מורא געהאַט טאָמער] **ס'איז נישט אַזוי בִּשְׁלֵימוּת די עֲבוֹדָה.**

**האָבן זיי געזאָגט אַז זיי זענען זיך מְקַשֵּׁר מיט אים.**

**און אַז מ'איז זיך מְקַשֵּׁר** [מיט יעקב אבינו], **ממילא איז מען מְשׁוּתָּף, איז מען 'באגודה אחת' מיט** [אים], **איז מען דאָך דוֹמֶה צו אים.**

## לד

**ביי אַ מִצְוָה שטייט דאָך**[כט]**, אַז מ'טוט** [אַ מִצְוָה] **צוזאַמען, איז מען מְקוּשָּׁר איינער מיטן אַנדערן.** [ואמרו רז"ל][ל] **אלמלא היו ישראל 'באגודה אחת' אין שום אומה ולשון יכולין לשלוט בהן.**

---

ויותר מאשר ידעתי מאז, ועתה גדלה עבודתי ויראתי ואהבתי אליו ביתר שאת לפי ערך גדולת ההכרה בו, ועל העבר אני מתחנן ומבקש מלפניו ומסגף עצמי בסגופים האלה, שימחול לי על מעוט עבודתי וקטנות יראתי ואהבתי בימים שעברו, כי מִצְעָר הוא מאוד לפי ערך העבודה שראוי לעבדו בפחד ובאימה כאשר עתה אני מכיר בו. ולא זו בלבד שהיא בחינת הכלליות תשובה על העבר, אף גם בעזה"י בכל יום ויום אני מכיר יותר בגדולתו לפי שִׂכְלִי, ועבודה רבה נוספת אלי בכל עת, ובכל יום אני מתחרט ועושה תשובה שלמה על יום אתמול כי יעבור במעוט הכבוד הראוי לפי אשר ידעתי ביום זה.

ונמצא אתה למד מזה שיש עוד בחינת התשובה עילאה על כולנה שלא יצטרך לבחינת ריחוק מאתו יתברך, רק בכל יום תמיד כשיתוודע אצלו ביותר ויותר מגדולת יוצר כל וחיוב עבודתו אליו, יעשה תשובה ויתחרט על ימים הראשונים שהלכו להם במעט עבודה מאשר עתה, ובזה יזכה לשלמות אור מדת הבינה, יָפִיץ עליו עֲנַן אוֹרָהּ יאיר פניה אתו סלה והיה לו כַנֹּגַהּ צִדְקָהּ וִישׁוּעָתָהּ כְּלַפִּיד יִבְעָר, באברתה יסך עליו ותחת כנפיו יחסה, ויקוים בו יִפְרֹשׂ כְּנָפָיו יִקָּחֵהוּ יִשָּׂאֵהוּ עַל אֶבְרָתוֹ ה' בָּדָד יַנְחֶנּוּ וְאֵין עִמּוֹ אֵל נֵכָר, כי לא התרחק אף רגע מאלקיו והיה תמיד ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ.

[כט] עיין **בספר הליקוטים** (למהרח"ו פרשת תצא): **וצריך קודם שיעשה המצוה או הצדקה, צריך שיאמר לְיַחֲדָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ, בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל.** - [וכן מבואר בספה"ק בכ"מ].

ועיין **בזרע קודש** (פרשת וישב): **אֶת אַחַי אָנֹכִי מְבַקֵּשׁ וכו' וַיִּמְצָאֵם בְּדֹתָן** (וישב לז, טז-יז). **יש לרמוז, כשבא לבקש אותו ית"ש בתפלה, ואומר לְשֵׁם יִחוּד כו' בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל,** על ידי זה תפלתו נשמעת, הגם שאינו צדיק כל כך לילך בדרך התורה תמיד, נחשב לו כאילו קיים, וזהו שנאמר אֶת אַחַי, כשאני מדבק את עצמי עם אחינו בני ישראל, אז על ידי זה אָנֹכִי מְבַקֵּשׁ, יכול אני להתפלל ויקובל תפלתי, הגם שאין אני הולך ח"ו בדת התורה כראוי, וזהו שנאמר וַיִּמְצָאֵם בְּדֹתָן, בדת של תורה:

ועיין עוד **ביושר דברי אמת** (סוף אות לג): **שמעתי מפה קדוש הרב האלקי מוהר"ר יחיאל מיכל** [מזלאטשוב] זלה"ה, שאמר קודם כל תפלה, **אֲנִי מְקַשֵּׁר אֶת עַצְמִי עִם כָּל יִשְׂרָאֵל** הן עם הגדולים ממני והן בקטנים ממני, **ותועלת התקשרות הגדולים ממני, שעל ידם תתעלה מחשבתי, ותועלת התקשרות בקטנים ממני, שיעלו על יָדִי,** עד כאן שמעתי מפיו הקדוש:

ועיין עוד בהקדמת **דרך פקודיך** (הקדמה ג): **עוד קבלתי, שכל מצוה שנמנע ממנו עשייתה, בעת אשר רואה הזדמנות המצוה הזאת לחבירו, יסייע לו בעשייתה הן בגופו הן בממונו, והנה כל ישראל כגוף אחד, ובפרט אם נשמותיהם הם משורש אחד, ובפרט כשחבירו מכוין בעשותה בשם כל ישראל כנוסח הנהוג לומר לְשֵׁם יִחוּד**

KolSatmar.com

### לה

[ולכן] **האָבן זיי געזאָגט "כְּשֵׁם" - אונז זעמיר גלייך - שאין בלבך אלא אחד, כך אין בלבינו.**

**ווייל אונז גיי מיר 'דעם' וועג.**

**אונז וויל מיר נישט מְשַׁנֶּה זיין פון קְדוּשַּׁת אֲבוֹתֵינוּ.**

**מ'איז זיך מְקַשֵּׁר.**

**מ'איז זיך מְקַשֵּׁר מיט די פריערדיגע.**

**און מיט דעם איז ממילא זעמיר אין "דער" כְּנוּפְיָא, מ'זעמיר באַטייליגט אין די זעלבע** [יחוד שם ה' שהיה אצל יעקב אבינו].

**דאָס האָבן זיי אים געענטפערט דעמאָלטס.**

### לו

ובמדרש איתא שם עוד פְּשַׁט שני, דכמו כן בכל הדורות כשאומרים בכל יום שְׁמַע "יִשְׂרָאֵל" ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד, הכוונה על יִשְׂרָאֵל סָבָא שהוא יעקב אבינו, שאומרים לו אותו הדבר שציותנו עדיין הוא נוהג בנו

**אַ חידוש, דער מדרש זאָגט ווייטער** [אַ צווייטן פְּשַׁט, אויף] **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל וואָס מ'זאָגט, - אין מדרש רבה** [פרשת ויחי, און] **ס'איז אויך אין פרשת ואתחנן**[לא] **- מ'זאָגט שְׁמַע "יִשְׂרָאֵל", מ'זאָגט עס פאַר יִשְׂרָאֵל סָבָא**[לב]**, ווען אידן** [בכל הדורות] **זאָגן שְׁמַע "יִשְׂרָאֵל",** [הכוונה] **פאַר יִשְׂרָאֵל סָבָא.**

[וישראל אומרים בזה בכל יום ליעקב אבינו] **דעס וואָס אונז האָב מיר דעמאָלטס**[לג] **געזאָגט ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד, דעס זאָג מיר נאָך 'היינט' אויך!**

**אַזוי זאָגט דער מדרש.**

### לז

וגם בזה צריך לומר דהכוונה בזה, שבני ישראל בכל הדורות בשעת קבלת עול מלכות שמים בקריאת שמע, אנו מתקשרים עם יעקב אבינו, ומקבלים שלא לשנות כלום מדרכי האבות הק', בכדי לצרף עבודתינו עם עבודת ה' של יעקב אבינו שהיה בשלימות הגמור

**לכאורה וואָס דאַרף מען** [עס] **דערציילן, פאַר יִשְׂרָאֵל סָבָא.**

**נאָר טאַקע דאָ איז די זעלבע בחינה** [כמו שאמרו השבטים]**, ווען מ'וויל מַזְכִּיר זיין שְׁמַע** [יִשְׂרָאֵל]**, מוז מען וויסן אַז מ'איז מְיַחֵד הַשֵּׁם ברוך הוא אויף דער** [זעלבער] **בחינה אַזוי ווי ס'איז געוועזן פריער ביי די אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים.**

[מ'זאָל וויסן] **מ'איז נישט חלילה מְשַׁנֶּה מְאוּמָה, מ'טוט נישט אַריין** [דערין] **קיין נְקוּדָּה** [אחרת]**, נישט קיין שִׁנּוּיִים, און קיין אַנדערע דְּרָכִים מְדְרָכִים** [שׁוֹנִים].

---

קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל, אזי יחשב כמעט כאילו עשאה בעצמו, ויש סמוכות לזה מדברי קדמאי ובתראי, ואין מן הצורך להאריך.

[ל] כן מובא הלשון בישמח משה (ריש וישב, ודיש כי תשא) בשם רבותינו ז"ל והגמרא, וכן הוא בתפארת שלמה (ליקוטים פרשת תרומה) בשם הש"ס.

ועיין קרוב לזה בתנחומא (נצבים סוף סימן א) וז"ל: אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם, מה היום מֵאִיר פעמים וּמַאֲפִיל פעמים, אף אתם כְּשֶׁאֲפֵלָה לכם עתיד לְהָאִיר לכם אור עולם וכו', אימתי, בזמן שתהיו כלכם אגודה אחת וכו', וכן אַתְּ מוצא שאין ישראל נגאלין עד שיהיו כולן אגודה אחת וכו', כשהן אגודים מקבלין פני שכינה.

[לא] הובא לעיל בהערה כה.

[לב] שהוא יעקב אבינו.

[לג] קודם הסתלקותו של יעקב, כשדיבר עם השבטים.

**ווייל** [בעוה"ר איז דאָ אַזעלכע וואָס] **מ'פאַלט אַריין אין דְרָכִים לֹא טוֹבִים, און מ'זאָגט אַז 'דאָס' איז, דאָס מיינט גאָר דאָס אַחְדוּת ה'**[לד]**.**

[ולכן] **זאָגט מען ניין,** [נאָר] **מ'איז מְיַחֵד הַשֵּׁם, און מ'זוכט כְּבוֹד שָׁמַיִם** [נאָר] **אויף 'דעם' דֶרֶךְ ווי די פריערדיגע האָבן געזוכט.**

**איבערדעם שטעלט מען אַן הקדמה שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, פאַר יִשְׂרָאֵל סָבָא,** [להודיע כי דייקא] **אויף 'דעם' אופן זאָג מיר ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד.**

---

[לד] **וז"ל רבינו בס"ג ואתחנן תשכ"ו** (לשון קדשו קיא ח"א, אות קכג-קלז) **במקוצר:** דאָס איז דאָס אַרגסטע, אַז ס'ווערט פאַרבלענדט די אויגן און מ'שטעלט אַריין [דרכים לא טובים בהתורה הקדושה], מ'זאָגט 'אַלעס איז על פי התורה', אַזוי ווי מ'זעט בעוה"ר, דאָס איז דער גרעסטער עונש, דער גרעסטע קלקול, ווען מ'שטעלט אַריין דיבורים וואָס איז לא חכמה, לא תורה, ולא יראת שמים, און מ'שטעלט אַלדינגס אַריין מיט אַ לבוש פון "תורה".

כ'האָב עס געזאָגט שוין לאַנג, [לפרש וואָס] אידן האָבן געזאָגט פאַר יעקב אבינו כשם שאין בלבך אלא אחד כך אין בלבנו [אלא אחד]. וואָס איז דער "כשם" וכו'. [נאָר] זעט אויס, אין דעם אַחְדוּת [ה'] איז דאָ שלעכטע פְּשָׁטִים אויך. מ'זאָגט טאַקע אחדות [ה'], פונדעסטוועגן איז מען עפּעס מְשַׁתֵּף [לזה] מן הצד, מיט אַ 'אויסרייד'. אַזוי ווי מ'זעט היינט בחוש. מ'גלייבט אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער, און מ'איז עוסק אין דרכים פון כפירה און פון מינות, מ'האָט אַ שייכות מיט כופרים און מיט מינים, און מ'מישט דאָס אַריין און מ'שטעלט 'דאָס' אַריין אין די תורה הקדושה בעוה"ר, דעס איז נעבעך דאָס גרעסטע אומגליק, ס'פאַרפירט די גאַנצע וועלט.

[ואח"כ ביאר רבינו המשך לשון הפסוק "ה' אלקינו" ה' אחד, ופירש"י אלקינו ולא אלקי האומות, ואח"כ ממשיך וז"ל] און בעוה"ר מיט דעם ווערט מען אַריינגעכאַפּט אויף אַן אַנדערע בחינה, מ'ווייסט גאָרנישט [אַז] מ'פאַלט אַריין אין מינות און אין כפירה, און [מ'גייט] מיט 'דעם' דרך, אַז מ'גלייבט גאָר אין באַשעפער, מ'זאָגט ס'איז אַלעס מן השמים, פונקט פאַרקערט [מן האמת], מ'הענגט אָן אַלע עבודה זרה'ס מיט אַלע מינות מיט די כפירה זאָגט מען אַז ס'איז מן השמים אַזוי, ס'טוט זיך נישט אַליין, ער ווערט גאָר אַ גרויסער 'מאמין'. גאָר פאַרקערט. ער וויל גאָרנישט וויסן אַז דער בוכ"ע האָט געגעבן אַ כח נעבעך [להשטן לנסות את ישראל, כדכתיב כִּי] מְנַסֶּה ה' אֱלֹקֵיכֶם אֶתְכֶם [לָדַעַת] הֲיִשְׁכֶם אֹהֲבִים אֶת ה' (ראה יג, ד), [והסטרא אחרא] זיי קאָנען ווייזן נִסִּים ונפלאות, מיט אותות ומופתים אפילו. אָבער אַזוי כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה, פלוצים ווערט מען די גרויסע מאמינים, מ'שטעלט אַריין די אַלע דְרָכִים לֹא טוֹבִים און די אַלע וואָס זיי זענען נעבעך וואָס מ'גראָבט אונטער דאָס גאַנצע אידישקייט און דער גאַנצער אמונה, שטעלט מען אַריין אין השי"ת, און מ'מאַכט פון 'דעם' גאָר אַן אמונה, היפוך הענין. מ'דרייט אויס, אַזוי ווי מ'זעט נעבעך צי בעוה"ר בחוש. איבערדעם זאָגט מען זאָלסט וויסן, מ'זאָגט ה' אֱלֹקֵינוּ און נישט אלקי האומות. [ואף שלכאורה] 'זיי' זענען דאָך אויך מודה אין באַשעפער. נאָר אלא מאי מוז דאָך זיין, אַז [אויב] מ'איז 'עפּעס' משתף צום בורא כל עולמים, הייסט שוין נישט "אֱלֹקֵינוּ". [ולכן] איז ער [הקב"ה] שוין נישט 'אלקיהם', נאָר אֱלֹקֵינוּ. ברויך מען דאָס צו וויסן, ס'איז אַן אזהרה, טאָמער אַז ס'איז דאָ אַ 'שיתוף' איז עס נישט "אֱלֹקֵינוּ".

ברויך מען דאָס גוט געדענקען, אַז ס'איז אַז מ'איז עפּעס מְשַׁתֵּף אַריין, מ'לייגט אַריין אַ טבעיות, און מ'לייגט אַריין אַז ס'איז פאַרהאַנדן 'עפּעס אַ מין ענין' וואָס ס'איז נישט [ה' אחד בלבד], וואָס ס'רירט חס ושלום [אָן] אין דער אמונה, [אין זה בגדר אמונה ויחוד ה' כלל]. איבערדעם האָבן אידן געזאָגט [ליעקב אבינו] "כשם שאין בלבך אלא אחד" [כך אין בלבינו אלא אחד]. [שהרי יתכן גם מי שיש בו דיעות כוזבות] ער קען זאָגן "איך מיין נאָר, איך מיין דעם באַשעפער", "איך מיין מיט אַלעמען דעם באַשעפער". דאָס איז אָבער נישט מיט קיין אֱמֶת'דיגן דרך. איבערדעם [לאפוקי מדרכים כאלו] האָבן זיי געזאָגט ניין, [נאָר] טאַקע אויף "דיין" בחינה, על דרך "ישראל סבא", האָבן זיי געזאָגט "כשם", כשם שאין בלבך אלא אחד כך אין בלבנו, [דאמונתינו הוא רק] אויף 'דעם' אופן, נישט אויף אַזעלכע אופנים [שיש בהם שום ענין משותף ח"ו].

איבערדעם זאָגט מען שְׁמַע "יִשְׂרָאֵל" [אבינו, אותו הדבר שצויתנו עדיין הוא נוהג בנו]. איבערדעם איז מען דאָס מזכיר [בשעת קר"ש, להדגיש] אַז מ'דאַרף צו גלייבן אין אחדות הבורא "על דרך ישראל סבא". וואָרן מ'קאָן זאָגן הונדערט מאָל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד, און ס'איז [אמירתו] שקר וכזב. [ווייל דערווייל] מ'פאַלט אַריין אין דיעות נפסדות, אין שלעכטע דיעות, און מ'זאָגט טאַקע ווייטער ה' אֶחָד, און מ'האָט דיעות נפסדות.

איז דער ה' אֱלֹקֵינוּ", דאָס איז אַ "ציווי" אַז מ'זאָל וויסן אַז ס'איז נאָר "אלקינו" [ולא אלקי האומות. און] פאַרוואָס איז נאָר אלקינו, פאַרוואָס, [דלכאורה הלא] זיי גלייבן דאָך אַלע אין באַשעפער, פאַרוואָס, פאַרוואָס? ווייל מ'מישט עפּעס אַריין. דאַרף מען דאָס גוט געדענקען, אַז מ'זאָל נישט אַריינמישן עפּעס אַנדערש גאָרנישט אין דעם, חס ושלום. [ולא כמו שרואים כהיום בעוה"ר אַז] מ'לייגט אַריין אין מינות טאַקע [שֵׁם] הקב"ה אַליין, [כאילו] הקב"ה ווייל חס ושלום האָבן אַ דרך המינות. און כדומה שטעלט מען אַריין [ענינים של אמונה] מיט פאַרדרייטע זאַכן, מיט דיעות נפסדות, און מ'ווערט פאַרפירט לא עלינו [מדבריהם]. - [ועיין עוד בס"ג **ואתחנן תשכ"ז** שחזר רבינו על בחינה זו].

KolSatmar.com

### לח

**ישוב קושיא ד-ה**

ובזה יבואר המשך דברי הפיטן, כי העצה שלנו הוא להתקשר עם האבות והצדיקים הקודמים, כמו שמקבלים בשעת קריאת שמע כשאומרים ״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל״, ועל ידי זה יצטרף עבודתינו בתשובה ותפלה וצדקה, עם עבודת הצדיקים הקודמים שעבדו את ה׳ מעומק לבבם ונפשם, ועל ידי זה נזכה גם אנו להעביר את רוע הגזירה בזכות הצדיקים הקודמים

היצט איז אַזוי.

נו אַז מ׳האָט מוֹרָא [שֶׁבְּיָדִי אֵין מַעַשׂ], ווי דער אֱמֶת איז, דאָס איז דאָך דער גרעסטער פַּחַד, [ווייל] מ׳ווייסט דאָך וואו ווייט מ׳האַלט מיר.

[נאָר] **דער אייבירשטער העלפט** [אַז] **מ׳איז זיך אָבער מְקַשֵּׁר** [מיט די עבודה פון די פריעדיגע צדיקים].

### לט

איבערדעם זאָגט מען, לאָזט מען אויס[לה] **אֲבָל בְּזָכְרִי** ווען איך גערענק **מַלְכוּת שֵׁם הַמְיוּחָד** [וְעַל ׳זֹאת׳ אֲנִי בּוֹטֵחַ בְּאָמְרִים ״ה׳ אֶחָד״], אויף וואָס פאַר אַ בחינה מ׳זאָגט [עס, שהוא על דעת ישראל סבא], קומט דאָך אויס **וּמוֹשְׁכִים מִזֶּה וּמִזֶּה**, [ווייל] **אַז מ׳איז מְקוּשָּׁר**, אַז מ׳איז מְקוּשָּׁר מיט איינעם איז מען ממילא איז מען דאָך נישט ׳אַליין׳, איז מען דאָך מְקוּשָּׁר מיט די פריערדיגע, די פריעריגע צַדִיקִים, די פריעריגע קְדוֹשִׁים, מ׳איז מְיַחֵד השם ברוך הוא אויף ״דער״ בחינה[לו]. [והם הצדיקים בודאי היה בידם תשובה ותפילה וצדקה מתוך עוֹמֶק כוונת הלב, ועל ידי שאנו מקושרים עמהם, מועיל זכותם גם עלינו להעביר את רוע הגזירה][לז].

---

[לה] פירוש: שמסיימים לומר.

[לו] ולזה אמר גם כן בלשון **וְעַל ״זֹאת״ אֲנִי בּוֹטֵחַ בְּאָמְרִים ה׳ אֶחָד, שאנו בוטחים על היחוד ה׳ של הצדיקים, שהם שפיר השתלמו בבחינת ״זאת״ שהוא צום קול ממון** (תשובה תפילה וצדקה)**, מתוך עומק נקודת הלב.** (על פי דברי יואל, וחידושי תורה לימים נוראים שי״ל בשעתו).

[לז] ועיין בחינה כזו גם בסעודת **ערב יום כיפור תשי״ד** (לשון קדשו קונטרס קסב). וז״ל רבינו שם: **נאָר וואָס דען, אַז מ׳איז מְיַחֵד השם ברוך הוא,** [ומקבלין עול] **מלכות שמים, אַלדינגס איז חשוב פאַרן אייבירשטן, אפילו** [נאָר] **׳בְּפַשְׁטוּת׳ אַז אַ איד זאָגט ׳שְׁמַע יִשְׂרָאֵל׳, ער איז מְיַחֵד השם יתברך** [לפי השגתו]. **אָבער אינו דומה** [לזה, יחוד ה׳ שהיו מייחדים הצדיקי אֱמֶת], **די בַּעֲלֵי הַשָּׂגָה אין גדולת הבורא ברוך הוא,** [וואָס] **מ׳ווערט בָּטֵל בִּמְצִיאוּת פאַרן באַשעפער, און מ׳איז מַמְלִיךְ הקדוש ברוך הוא, מ׳איז מְקַבֵּל** [עול מלכות שמים] **אַזוי ווי די פריערדיגע** [צדיקים]. **ס׳שטייט דאָך, מ׳איז דאָך מְקַבֵּל** [עול מלכות שמים] **עַל דַּעַת** [רבי שמעון בר יוחאי והאר״י הק׳], **מ׳רעכנט אויס די אַלע פריערדיגע** [צדיקים]. [וכהשצדיקים מייחדים את ה׳], **איז דאָס גאָר אויף אַן אַנדערן אופן.**

**נאָר וואָס דען, אין הכי נמי, אונז דאַרף מיר ׳געדענקען׳ די עבודה וואָס ׳זיי׳ האָבן געטון, און אַז מ׳טוט ׳עפּעס׳ אפילו** [והוא על דעתם], **ממילא דערוועקט זיך דאָך** [כח עבודתם של הצדיקים שבדורות הקודמים], **איז מען זיך מְצָרֵף** [כח עבודתינו ויחוד ה׳ שאנו מייחדים] **מיט ׳זייער׳ יִחוּד, מיט זייערע יִחוּדִים אינאיינעם.**

**איבערדעם זאָגט ער, וּבְיָדִי אֵין מַעַשׂ וְעַל זֹאת לִבִּי יִפְחָד, אַז** [ס׳איז] **אֵין מַעַשׂ, וויאַזוי זעט מען אויס, אפילו די ׳עבודה׳ וויאַזוי זעט עס אויס. אֲבָל ״בְּזָכְרִי״, אַז איך ׳געדענק׳ אָבער מַלְכוּת יִחוּד שֵׁם הַמְיוּחָד, אַז מ׳געדענקט דעס וואָס די ׳פריערדיגע׳ האָבן מְיַחֵד געווען השם יתברך.** [ועבודתם עדיין תלויה ועומדת למעלה לפעול פעולתן. וממילא] **וְעַל זֹאת אֲנִי בּוֹטֵחַ ״בְּאוֹמְרִים״ ה׳ אֶחָד,** [וואָס] **אונז ״זאָג״ מיר נאָר** [ה׳ אֶחָד, שעבודתינו יכונה רק בבחינת ׳אמירה׳ בלבד]. **אונז ״זאָג״ מיר נאָר, און ס׳איז אָבער מִצְטָרֵף** [עם יחוד ה׳ של הצדיקים הקודמים, ובכן] **וּמוֹשְׁכִים כּוּלָם יַחַד ״מִזֶּה״ אֶחָד ״וּמִזֶּה״, ׳אי׳** [=סיי] **די אַלע די ׳פריערדיגע׳ וואָס ס׳איז שטאַרק די עבודה, און** [סיי] **דאָס היצטיגע, אינאיינעם, מִזֶּה ״אֶחָד״ וּמִזֶּה, אינאיינעם,** [מצטרף היחוד של ה׳ ״אחד״, של עתה, ושל צדיקים הקודמים. ועל ידי זה יש חשיבות גם לקריאת שמע ותפילות שלנו].

[וכשמצטרף כח הצדיקים הקודמים עם כח הקריאת שמע והתפילות שלנו] **דאָס איז שוין גענוג בכח, ׳מעורר רחמי שמים׳ צו זיין אויף אידן, אפילו** [ס׳איז] **בְּיָדִי אֵין מַעַשׂ וְעַל זֹאת לִבִּי יִפְחַד. דאָס איז דאָס גאַנצע הִתְחַזְּקוּת, בעיקבא דמשיחא, וויאַזוי ס׳זעט אויס** [העבודה שלנו], **ווען מ׳איז בְּשִׁפְלוּת. אָבער אידן וועלן דאָך ׳נאָר**

KolSatmar.com

### מ

ומהאי טעמא אומרים גם כן בשכמל״ו, כשם שאמר יעקב,
כדי להתקשר עם יעקב אבינו, וכמו שעשו השבטים הקדושים

**איבערדעם זאָגט מען טאַקע** [בשעת קריאת שמע] **בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד, אַזוי ווי יעקב אבינו האָט געזאָגט**[לח], [כדי להתקשר עם יחוד ה׳ של יעקב אבינו, וכדרך שעשו השבטים].

### מא

ולזה ביום הכיפורים אומרים בשכמל״ו בקול רם, בכדי להתקשר ביותר
עם יעקב אבינו, ולייחד את ה׳ על דעתו, שזה מעביר את רוע הגזירה

**איז שוין פאַרענטפערט** [אויך] **פאַרוואָס זאָגט מען עס הויעך** [בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד, **ביום הכיפורים**][לט].

[כי טעם אמירת בשכמל״ו הוא בכדי להתקשר עם יעקב אבינו, וביותר נצרך לזה ביום הכיפורים, ולכן אומרים אותו בקול רם, בכדי שיועיל להעביר את רוע הגזירה אף אם אנו בעצמינו ח״ו אין בידינו מעש, וכאמור].

**נאָר ס׳שטייט** [געגוג] **טַעֲמִים דערויף אַנדערע**[מ].

### מב

**אָבער על כל פנים מ׳איז זיך מְקַשֵׁר מיט די קְדוּשָׁה** [פון די פריערדיגע צדיקים, וזהו העצה להעביר את רוע הגזירה גם בתוך מצבינו עתה][מא].

---

געהאָלפן׳ ווערן. אַצינדערט אין דעם שִׁפְלוּת, וועט מען דאָך נאָר געהאָלפן ווערן. [און] דאָס איז דער כח, בכח די עבודה פון די פריערדיגע. זייערע קרבנות, מיט זייער עבודה, מיט זייערע תפילות.

[לח] כמבואר **בגמרא פסחים** (נו.): אמר רבי שמעון בן לקיש, וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם. ביקש יעקב לגלות לבניו קֵץ הַיָּמִין [זמן קץ הגאולה], ונסתלקה ממנו שכינה. אמר, שמא חס ושלום יש במטתי פסול, כאברהם שיצא ממנו ישמעאל, וְאָבִי יצחק שיצא ממנו עֵשָׂו. אמרו לו בניו, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד [ופירש״י: שְׁמַע ״יִשְׂרָאֵל״, לאביהם היו אומרים]. אמרו, **כשם שאין בלבך אלא אחד, כך אין בלבנו אלא אחד. באותה שעה פתח יעקב אבינו ואמר בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד. - אמרי רבנן היכי נעביד, נֹאמְרוּהוּ?** [ופירש״י: להאי ברוך שם כבוד מלכותו, בקריאת שמע], **לא אָמְרוֹ משה רבינו. לא נֹאמְרוּהוּ? אָמְרוֹ יעקב. התקינו שיהו אומרים אותו בחשאי.** אמר רבי יצחק, אמרי דבי רבי אמי משל לבת מלך שהריחה ציקי קדירה [ונתאוותה לאכול ממנו], אם תאמר [בפירוש לעבדיה שיביאו להן] יש לה גנאי, לא תאמר יש לה צער. התחילו עבדיה [שהבינו מעצמם שהיא רוצה את התבשיל] להביא בחשאי [בלי גנאי].

[וכן הובא להלכה בטור ושלחן ערוך (או״ח סא, יג) ובטורי זהב (שם, ה). וע״ע במגן אברהם (תריט, ח) שכתב דבאמת גם משה אמרה כששמעה ממלאכים (וכדלקמן בהערה מ), ומה שאמרו בגמרא לא אמרו משה, היינו שלא כתבה בתורה, כדי להצניע הדבר מפני המלאכים].

[לט] כמבואר **בשלחן ערוך** (או״ח תריט, ב): **בליל יום הכפורים וביומו נוהגין לומר ״ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד״ בקול רם.**

[מ] עיין **במגן אברהם** (תריט, ח) **בשם הטור, משום שבכל השנה אומרים אותו בלחש מפני שמשה גנבה ממלאכים, אבל ביוה״כ גם ישראל דומין למלאכים. - וע״ע באלי׳ רבה** (שם, ג) **מה שכתב בזה.** [וכן מובא בספה״ק עוד טעמים בזה].

ועיין **בס״ג ויחי תש״כ** (לשון קדשו פג, אות פ) **שביאר רבינו עוד טעם בזה, כי בכל השנה לכן אומרים אותו בחשאי, לפי שהשש תיבות הם נגד שית גדפין דלעילא, ובזמן הזה חסרים ב׳ גדפין, ולכן אומרים אותו בחשאי** (וכמו שביאר רבינו באורך גם בס״ג ויחי תשט״ו). **אבל לעתיד מבואר** (זוהר ח״ב קלד.) **שיאמרוהו בקול רם, ולדרכינו י״ל הטעם לפי שאז שוב לא יחסר מהגדפין. ולכן גם ביום הכיפורים שהוא מעולם החירות מעין דלעתיד, אומרין אותו בקול רם.**

[מא] **וראוי לציין כי בכמה שנים אמר רבינו בחינות כאלו בדברי תורה שאמר בערב יום כיפור** (ולפעמים גם בשאר ימים הקדושים), **שהעצה שלנו הוא להתקשר עם הצדיקים הקודמים בשעת עבודה ותפילה. וכנראה שהיה לו עבודה מיוחדת בזה בימים הקדושים האלו.**

מג

## ברכת הקודש

דער אייבירשטער זאָל העלפן:

מ׳זאָל די זְכִיָה האָבן מ׳זאָל זיך קאָנען מְדַבֵּק זיין בְּמַעֲשֵׂי אֲבוֹתֵינוּ, און די פריערדיגע צדיקים.

זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ.

דער אייבירשטער זאָל העלפן:

מ׳זאָל מיר געהאָלפן ווערן מיט אַ שְׁנַת יְשׁוּעוֹת.

אידן זאָלן געהאָלפן ווערן מיט אַלעם גוטן.

בְּהִתְגַלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com